בעזהשי"ת

קוּנְטְרֵס

# אַן אַנְגֶענֶעם לֶעבְּן

ווִי עֶס וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט ווִי אַזוֹי מֶען קֶען וֶוערְן פְּרֵיי פוּן אַלֶע צָרוֹת, דִמְיוֹנוֹת, אוּן עֶנְגְשַׁאפְטְן, אוּן לֶעבְּן "אַן אַנְגֶענֶעם לֶעבְּן".

פָּארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִיק מוֹהֲרָא"ש זי"ע

לֵיל שִׁשִּׁי מְצוֹרָע תשע"ד

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# אַן אַנְגֶענֶעם לֶעבְּן

### א.

אִין דִי פִּיוּט פוּן פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ (יוֹצֵר לְמוּסָף שַׁבָּת הַחוֹדֶשׁ) זָאגְט מֶען: **הַחוֹדֶשׁ אֲשֶׁר יְשׁוּעוֹת בּוֹ מַקִּיפוֹת** – ״חוֹדֶשׁ נִיסָן״ אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט יְשׁוּעוֹת. טַייטְשְׁן דִי חַסִידִי׳שֶׁע סְפָרִים, אַז ׳מַקִּיפוֹת׳ אִיז אוֹיךְ אַ לָשׁוֹן פוּן ׳בָּארְגְן׳, וַוייל אִין דֶעם חוֹדֶשׁ קֶען מֶען זִיךְ אוֹיסְבָּארְגְן יְשׁוּעוֹת פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

פַארְוָואס עֶפֶּעס פוּנְקְט דֶער חוֹדֶשׁ? נָאר אִין דֶעם חוֹדֶשׁ הָאט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן

מִצְרַיִם, דָאס הֵייסְט, דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוֹיסְגֶעלֵייזְט אוּנְזֶער מֹחַ אוּן אוּנְזֶער שֵׂכֶל פוּן אִיר פַארְמַאכְטְקֵייט אוּן אִיר עֶנְגְשַׁאפְט, אַזוֹי וִוי דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פְּרִי עֵץ חַיִּים חַג הַמַּצּוֹת, פֶּרֶק א): ׳מִצְרַיִם׳ אִיז צְוֵויי וֶוערְטֶער ׳מֵצַר-יַם׳ - דִי מֹחַ אִיז זֵייעֶר עֶנְג.

וַוייל בֶּאֱמֶת קֶען אַ מֹחַ פוּן אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן אוּן אָנְקוּמֶען בִּיז ׳אֵין סוֹף׳, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן מו): וָואס עֶס אִיז הֶעכֶער אִינֶעם קֶערְפֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַלְץ הֶעכֶער אוּן וַוייטֶער קֶען דָאס דֶערְגְרֵייכְן; צוּם בַּיישְׁפִּיל: מִיט דִי ׳פִּיס׳ קֶען מֶען שְׁטוֹיסְן אַ בָּאל אוּן דָאס וֶועט פְּלִיעֶן צֶען-צְוָאנְצִיג פוּס, לוֹיט וִויפִיל כֹּחַ מֶען הָאט אִין דִי פוּס; מִיט דִי ׳הַאנְט׳ קֶען מֶען שׁוֹין וַוארְפְן נָאךְ הֶעכֶער; מִיט דִי ׳מוֹיל׳, קֶען אַ מֶענְטְשׁ שְׁרַייעֶן אוּן מֶען הֶערְט אִים גָאר וַוייט, בִּפְרַט וֶוען עֶר שְׁטֵייט אוֹיף אַ שְׁפִּיץ בַּארְג; מִיט דִי ׳אוֹיעֶרְן׳ קֶען מֶען הֶערְן דִינֶערְן פוּן דִי וָואלְקֶענֶעס, אָדֶער וִוי אַ קוֹיל שִׁיסְט אַפִּילוּ פוּן זֵייעֶר וַוייט; מִיט דִי ׳אוֹיגְן׳ קֶען מֶען זֶעהְן דִי לְבָנָה מִיט דִי זוּן וָואס אִיז מִילֵי מִילְיָאנֶען מַיילְן וַוייט; דִי

׳מֹחַ׳ פוּן אַ מֶענְטְש אִיז שׁוֹין הֶעכֶער פוּן אַלֶעס, אוּן דָאס קֶען שׁוֹין גֵיין אָן אַ סוֹף אוּן אָן אַ עֶנְדֶע, עֶס קֶען מַשִׂיג זַיין כַּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַרוֹיף גֵיין אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען אוֹיפְן מֹחַ דִי מֶערְסְטֶע אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דָאס זָאל זַיין פְרֵיי, אוּן טְרַאכְטְן נָאר גוּטֶע זַאכְן, ווייל דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּנֶעם מֶענְטְש, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן כא): פוּן וָואס דֶער מֶענְטְש טְרַאכְט, דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְש; וֶועגְן דֶעם דַארְף אַ אִיד אִין זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַרַיינְלֵייגְן: ״עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס אַלֶעס אִיז פוּן אִים, אוּן עֶר פִירְט דִי וֶועלְט אַזוֹי ווִי עֶר פַארְשְׁטֵייט, כָאטְשִׁיג עֶס אִיז דָא זֵייעֶר אַסַאךְ זַאכְן וָואס מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין״.

אוּן וֶוען אַ מֶענְטְש קוּמְט צוּ דֶעם, לֶעבְּט עֶר אִין עוֹלָם הַחֵירוּת - זַיין מֹחַ אִיז אִים פְרֵיי, ווִיבַּאלְד עֶר הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר גְלֵייבְּט,

אַז װי אַזוֹי דֶער בַּאשֶׁעפֶער װיל אַזוֹי דַארְף צוּ זַיין, און עֶר טְרַאכְט נָאר פון בּוֹרֵא-כָּל-עוֹלָמִים, מְמֵילָא אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג רוּאִיג און צוּפְרִידְן, און דֶעמָאלְטְ׳ס אִיז זַיין מֹחַ פְרֵיי, און דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה צוּ וָואס אַ מֶענְטְש דַארְף צוּקוּמֶען אוֹיף דֶער װעלְט.

אָבֶער אוֹיב חָלִילָה וְחַס אַ מֶענְטְש זִינְדִיגְט, מַאכְט עֶר זִיךְ אַ פְלֶעק אוֹיף זַיין נְשָׁמָה, אַזוֹי װי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט: מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואסְפַארַא פְלֶעק אֵיין שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְק מַאכְט אוֹיף דִי נְשָׁמָה! און װֶער רֶעדְט נָאךְ אוֹיב טְרַאכְט עֶר נָאךְ און נָאךְ שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, פַארְפְלֶעקְט עֶר זִיךְ אַלְץ מֶער דִי נְשָׁמָה, דָאס הֵייסְט, עֶס װֶערְט פַארְדֶעקְט פון אִים דִי ׳הַשְׁגָחָה׳ - אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא מִיט אִים, בִּיז אַ מֶענְטְש פַאלְט אַזוֹי שְׁטַארְק אַרָאפּ, אַז עֶר שְׁפִּירְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט, און עֶר זֶעהְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט, און דָאס לֶעבְּן אִיז אִים בִּיטֶער און פִינְסְטֶער, און זַיין מֹחַ אִיז אִים זֵייעֶר עֶנְג, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער ׳גָלוּת׳.

## ב.

אוֹיפְן פָּסוּק (דְבָרִים ז, טו): **וְהֵסִיר הֲוָיָ"ה מִמְּךָ כָּל חוֹלִי** – דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אָפְּטוּהְן פוּן דִיר יֶעדֶע מַחֲלָה; זָאגְן חֲזַ"ל (יְרוּשַׁלְמִי שַׁבָּת פֶּרֶק יד, הֲלָכָה ג), אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי 'רַעְיוֹנוֹת' אוּן 'דִמְיוֹנוֹת' וָואס אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אוּן פַאנְטַאזִירְט, וָואס אִין דֶעם לִיגְט אַלֶע סָארְט מַחֲלוֹת לֹא עָלֵינוּ; וַוייל דִי עִיקָר פוּן אַלֶע מַחֲלוֹת וָואס קְלֶעבְּט זִיךְ צוּ צוּ אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט זִיךְ פוּן דִי מַחְשָׁבָה, בִּפְרַט אַלֶע נֶערְוְון קְרַאנְקְהֵייטְן, צוּם בַּיישְׁפִּיל: אֵיינֶער הָאט מוֹרָא אַז מֶען וִויל אִים טְשֶׁעפֶּענֶען; אַ מֶענְטְשׁ אִיז נֶערְוֶועז; אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט צֶען מָאל אִיבֶּער אוֹיבּ דִי טִיר אִיז טַאקֶע פַארְמַאכְט, אָדֶער עֶר הַאלְט אוּן אֵיין אִיבֶּערְצֵיילְן זַיין גֶעלְט, אֶפְשָׁר הָאט מֶען אִים בַּא'גַנָבֶ'עט; אָדֶער אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג: אִיךְ בִּין גְרֶעסֶער אוּן קְלוּגֶער פוּן יֶענֶעם, אִיךְ בִּין רַייכֶער אָדֶער אָרֶעמֶער פוּן יֶענֶעם; דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען 'דִמְיוֹנוֹת' וָואס פַּיינִיגְן גֶעפֶערְלִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן גֶעוֶוענְלִיךְ וַוארְפְן דִי מֶענְטְשְׁן אַרוֹיף דִי שׁוּלְד אוֹיף אַנְדֶערֶע, אַז מֶען רוֹדֶפְ'ט זֵיי אוּן מֶען

טְשֶׁעפֶּעט זֵיי, אָבֶער בֶּאֱמֶת פַּיינִיגְן זֵיי זִיךְ אַלֵיין נֶעבֶּעךְ פוּן דִי דִמְיוֹנוֹת.

אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען גָלוּת מִצְרַיִם, אַז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעמוּזְט אַרָאפּ גֵיין קַיין מִצְרַיִם אוּן דָארְט אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער, אוּן וֶוערְן גֶעפַּיינִיגְט, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען פְרֵיי פוּן דֶעם אִיז גֶעוֶוען שֵׁבֶט לֵוִי, וָואס זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ אַרְבֶּעטְן, נָאר זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, אוּן גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעטְרַיי צוּ אִים, מְמֵילָא זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען פְרֵיי.

דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ״ם זָאגְט (הִלְכוֹת שְׁמִיטָה וְיוֹבֵל פֶּרֶק יג, הֲלָכָה יג): יֶעדֶער אִיד וָואס נֶעמְט זִיךְ פָאר, אַז עֶר וִויל דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער: לֶערְנֶען 'תּוֹרָה', עוֹסֵק זַיין אִין 'תְּפִלָּה' – בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער יֶעדֶע זַאךְ, מְקַיֵים זַיין דִי 'מִצְוֹת'. דֶעמָאלְטְ'ס וֶוערְט עֶר אוֹיךְ פוּן "שֵׁבֶט לֵוִי", אוּן עֶר אִיז אִין 'עוֹלָם הַחֵירוּת' פְרֵיי פוּן אַרְבֶּעטְן.

אָבֶער דִי אַנְדֶערֶע וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט דֶעם שֵׂכֶל, זֶענֶען רַחֲמָנָא לִצְלָן גֶעוֶוען אִין שִׁעְבּוּד מִצְרַיִם אוּן

גֶעדַארְפְט שְׁוֶוער אַרְבֶּעטְן. און דָאס גֶעפונֶען מִיר אִין דִי תּוֹרָה, אַז דִי גַאנְצֶע 'תּוֹכָחָה' און אַלֶע **צָרוֹת** און **קְלָלוֹת** וָואס עֶס קוּמֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, אִיז נָאר וַוייל עֶר הָאט פַארְגֶעסְן פונֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אִים נִישְׁט גֶעדִינְט מִיט אַ פְרֵיילִיךְ הַארְץ, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים כח, מז): **תַּחַת אֲשֶׁר לֹא עָבַדְתָּ אֶת הֲוָיָ"ה אֱלֹקֶיךָ בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב.**

מֶען זֶעהְט נֶעבֶּעךְ אַז מֶענְטְשְׁן מַאכְן מִיט אַזוֹיפִיל צָרוֹת און יְסוּרִים רַחְמָנָא לִצְלָן, און יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיינֶע צָרוֹת, וָואס אַלֶעס קוּמְט נָאר פון '**קַטְנוּת הַדַעַת**' - מֶען פַארְגֶעסְט נֶעבֶּעךְ פון בַּאשֶׁעפֶער, בִּיז עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי אַרֵיין גֶעלֵייגְט אִין '**טֶבַע מִקְרֶה מַזָל**', אַז עֶר טְרַאכְט אַז עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פון זַיינֶע צָרוֹת, מְמֵילָא אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג טְרוֹיעֶרִיג און מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער '**גָלוּת**'.

## ג.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ז): דֶער עִיקָר 'גָלוּת' אִיז נָאר וַוייל עֶס פֶּעלְט אֶמוּנָה! ווייל אַז אַ אִיד הָאט אֶמוּנָה אִיז עֶר נִישְׁט אִין גָלוּת; אַזוֹי ווִי מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן צַדִיקִים: דִי 'נְשָׁמָה' פוּן אַ אִיד אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אִין גָלוּת, נָאר דֶער 'גוּף'.

אוּן דָאס קֶען מֶען זִיךְ אִיבֶּערְצַייגְן, וַוייל מִיר זֶענֶען שׁוֹין לֵיידֶער צְוֵויי טוֹיזֶענְט יָאר אִין גָלוּת זַייט חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, וָואס אִידְן הָאבְּן נֶעבֶּעךְ מִיטְגֶעמַאכְט דִי עֶרְגְסְטֶע פַּיינִיגוּנְגֶען רַחְמָנָא לִצְלָן: 'גֵירוּשִׁים' - פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן פוּן אֵיין מְדִינָה צוּם אַנְדֶערְן; מִילְיָאנֶען אִידְן - וָואס מֶען וֶועט קֵיינְמָאל אַפִילוּ נִישְׁט ווִיסְן ווִיפִיל - הָאט מֶען אוֹיסְגֶע'הַרְגֶ'עט, סַיי דוּרְךְ דִי קְרִיסְטְן (עֵשָׂיו) אוּן אוֹיךְ דוּרְךְ דִי אַרַאבֶּער (יִשְׁמָעֵאל). פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן וואוּ אִידְן זֶענֶען נָאר אָנְגֶעקוּמֶען, הָאבְּן זֵיי נָאכְאַמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בּוֹיעֶן: מִקְוָואוֹת, תַּלְמוּד תּוֹרָה, יְשִׁיבוֹת, בָּתֵּי כְּנֵסִיוֹת וּבָתֵּי מִדְרָשׁוֹת. מֶען הָאט שְׁטֶענְדִיג אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן נֵיי צוּ הִיטְן

׳טָהֳרַת הַמִשְׁפָּחָה׳, און אַזוֹי אוֹיךְ דִי אַנְדֶערֶע מִצְווֹת, זֶעהְט מֶען פון דֶעם קְלָאר אַז נָאר דֶער ׳גוּף׳ אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין גָלוּת, אָבֶּער נִישְׁט דִי ׳נְשָׁמָה׳.

דֶער מִדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט (דְבָרִים רַבָּה ב, טז): אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעפָארְן מִיט אַ שִׁיף פול מִיט אַלֶע סָארְטְן גוֹיִם, און נָאר עֶר אִיז גֶעוֶוען דָארְט אֵיין אִיד, וֶוען עֶס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאזְט דִי עֶסְן, הָאט דֶער שִׁיף גֶעהַאנְקֶערְט בַּיי אַ פָּארְט, פְּלוּצְלִינְג קוּמֶען אַלֶע גוֹיִם צוּ צוּ דֶעם אִיד, און בֶּעטְן אִים: גֵיי קוֹיף אוּנְז בְּרוֹיט צוּ עֶסְן און וַואסֶער צוּ טְרִינְקְן. פְרֶעגְט עֶר זֵיי: וָואס שִׁיקְט אִיר מִיר? אִיךְ גֶעבּ אַייךְ גֶעלְט, און קוֹיפְט אִיר פַאר מִיר אוֹיךְ, אִיךְ בִּין דָאךְ דָא אַ פְרֶעמְדֶער פּוּנְקְט וִוי אַייךְ. הָאבְּן אִים דִי גוֹיִם אָנְגֶעשְׁרִיגְן: אַ אִיד אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט פְרֶעמְד! וַוייל וואוּ עֶר גֵייט אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער מִיט אִים! און שְׁטֶענְדִיג הָאט עֶר דֶעם זֶעלְבְּן בַּאשֶׁעפֶער וָואס הֶערְט אִים אוֹיס און הֶעלְפְט אִים אַרוֹיס, פִירְט דֶער מִדְרָשׁ אוֹיס: דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק (דְבָרִים ד, ז): **אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו** – וֶועלְעכֶע פָאלְק אִיז נָאךְ אַזוֹי וִוי דֶער אִידִישֶׁער פָאלְק,

וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶערְט אִים אוֹיס; וַוייל בַּיי דִי גוֹיִם הָאט יֶעדֶער גוֹי אַן אַנְדֶערֶע גֶעטְשְׁקֶע, אוּן אַנְדֶערֶע מִנְהָגִים, אָבֶּער לְהַבְדִיל דִי אִידְן הָאבְּן אַלֶע אִידְן אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער.

חַזַ״ל זָאגְן (סִפְרִי וְזֹאת הַבְּרָכָה, פִּיסְקָא שנג), אוֹיפְן פָּסוּק וָואס עֶס שְׁטֵייט בַּיי שֵׁבֶט זְבֻלוּן (דְבָרִים לג, יט): **עַמִים הַר יִקְרָאוּ שָׁם יִזְבְּחוּ זִבְחֵי צֶדֶק**; שֵׁבֶט זְבֻלוּן הָאט גֶעהַאט זַיין חֵלֶק אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל לֶעבְּן דִי יַם, בַּיי דִי פָּארְט וְוי אַלֶע שִׁיפְן פְּלֶעגְן אָנְקוּמֶען, פְּלֶעגְן דָארְט אָנְקוּמֶען גוֹי׳אִישֶׁע סוֹחֲרִים, הָאבְּן זֵיי גֶעטְרַאכְט: אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין יָא גֶעפְּלָאגְט צוּ קוּמֶען בִּיז אַהֶער, לָאמִיר שׁוֹין גֵיין קַיין יְרוּשָׁלַיִם אוּן זֶעהְן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ פוּן דִי אִידְן. הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן אַז דִי אִידְן הָאבְּן נָאר ׳אֵיין גָאט׳ אוּן ׳אֵיין עֶסְן׳ וְכוּ׳, וָואס דָאס הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ מְגַיֵיר גֶעוֶוען.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז בַּיי אִידְן הַאלְט מֶען זִיךְ צוּזַאמֶען, אוּן אַז אֵיין אִיד פוּן יֶענֶע עֶק וֶועלְט וֶוערְט נֶעבֶּעךְ גֶע׳הַרְגֶ׳עט רַחְמָנָא לִצְלָן, רוּדֶערְט עֶס אוֹיף גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וַוייל מִיר הָאבְּן אֵיין בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אֵיין תּוֹרָה, אוּן מִיר זֶענֶען עֲרֵבִים אֵיינֶער פַארְן אַנְדֶערְן (סוֹטָה לז ע״ב), אָבֶּער בַּיי דִי גוֹיִם לְהַבְדִיל אֶלֶף אַלְפֵי הַבְדָלוֹת, קֶען אֵיינֶער גֶע׳הַרְגֶ׳עט וֶוערְן אוּן עֶס אִינְטֶערְסִירְט זֵיי גָארְנִישְׁט.

אוּן דָאס אִיז דִי שְׁלֵימוּת פוּן אַ אִיד, אַז עֶר זָאל שְׁפִּירְן דִי שֵׁיינְקַייט אוּן דִי מַעֲלָה פוּן אַ אִיד, אוּן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, וָואס דָאס הֵייסְט ׳עוֹלָם הַחֵירוּת׳, אָבֶּער וִוילַאנְג מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם אוּן דֶער מֹחַ הָאט דָאס נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בִּיטֶער.

ד.

וֶועגְן דֶעם זֶעהֶען מִיר אַז דַוְקָא פַּרְעֹה הָאט גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף ׳מִצְרַיִם׳, וָואס ׳פַּרְעֹה׳ אִיז דִי וֶוערְטֶער

'פֶּה–רַע' – אַ שְׁלֶעכְטֶע מוֹיל (סֵפֶר הַלִּיקוּטִים לְהָאֲרִיזַ"ל פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, עַל הַפָּסוּק וַיִּגְדַּל הַיֶּלֶד), וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז רַחְמָנָא לִצְלָן מַפְקִיר דֶעם דִיבּוּר, און עֶר רֶעדְט וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט, קוּמְט עֶר דוּרְכְדֶעם צוּ אַלֶע צָרוֹת, אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כא, כג): **שׁוֹמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ שׁוֹמֵר מִצָּרַת נַפְשׁוֹ** – וֶוער עֶס גֶעט אַכְטוּנְג אוֹיף זַיין מוֹיל און צוּנְג פַארְשְׁפָּארְט עֶר זִיךְ אַלֶע צָרוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לח), אוֹיף דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קמח, ח): **רוּחַ סְעָרָה עוֹשָׂה דְבָרוֹ**, וֶוער מַאכְט עֶס זָאל זַיין אַ 'רוּחַ סְעָרָה' [שְׁטוּרֶעם ווִינְט] און אַ צוּמִישֶׁענִישׁ אִין דֶעם מֹחַ פוּן אַ מֶענְטְשׁ? 'עוֹשֵׂי דְבָרוֹ' – דִי אַלֶע לָשׁוֹן הָרַע'ס וָואס מֶען רֶעדְט און מֶען טְרָאגְט אֵיינֶער אוֹיפְן אַנְדֶערְן, דָאס אִיז גוֹרֵם אַ גֶעפֶערְלִיכֶע אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ און אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט פַארְן מֶענְטְשׁ. אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ זִיצְט אוֹיף זַיין פְּלַאץ, און לֶערְנְט 'יֶעדְן טָאג': **חוּמָשׁ רַשִׁ"י; פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; אַ דַף גְמָרָא** אֵיינְמָאל און נָאכְאַמָאל; **טוּר – בֵּית יוֹסֵף; שׁוּלְחָן עָרוּךְ**. בַּיי אִים אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם אִיבֶּערְקֶערֶענִישְׁן, בַּיי

דִי גְמָרָא קוּמְט גָארְנִישְׁט פָאר, דָארְט אִיז נִישְׁט דָא קֵיינֶער, נָאר רַבִינָא וְרַב אַשִׁי; אַבַּיֵי וְרָבָא; אוּן אַלֶעס אִיז רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן נד): דוּרְךְ 'לָשׁוֹן הָרַע' וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, קוּמְט מֶען צוּ דִמְיוֹנוֹת אוּן אַיינְרֶעדֶענִישְׁן, אוּן עֶס שְׁטַארְקְט זִיךְ דֶער 'כֹּחַ הַמְדַמֶה', בִּיז דִי מֹחַ וֶוערְט אִינְגַאנְצְן פַארְטֶעמְפְּט; וָואס דֶעמָאלְטְ'ס אִיז מֶען נֶעבֶּעךְ אִין אַ בִּיטֶערְן 'גָלוּת', אוּן מֶען טְרֶעפְּט זִיךְ נִישְׁט דָאס פְּלַאץ אִין עֶרְגֶעץ, אָבֶּער וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ אוּן עֶר רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אִיז עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלוֹירְן, וַוייל וואוּ עֶר זָאל נָאר נִישְׁט גֵיין הָאט עֶר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט זִיךְ[1], אוּן עֶר אִיז עֶר נִישְׁט אַלֵיין.

[1] וַוייל אַ אִיד הָאט שְׁטֶענְדִיג מִצְוֹת וָואס עֶר אִיז מְקַיֵים, דֶערְפַאר זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן פה): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְט פַאר זִיךְ אַ נְסִיעָה זָאל עֶר פָארְן, אוּן נִישְׁט זִיךְ עַקְשְׁנֶ'ען נִישְׁט צוּ פָארְן, וַוייל וואוּ אַ אִיד גֵייט פַארְרֶעכְט עֶר עֶפֶּעס, דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר זָאגְט 'אֲשֶׁר יָצַר', אָדֶער אַז עֶר עֶסְט אוּן עֶר מַאכְט אַ 'בְּרָכָה'

## ה.

אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען ׳גָלוּת מִצְרַיִם׳, אַז מֶען הָאט אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן וָואס מֶער מֶען הָאט פַארְגֶעסְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אַלְץ שְׁוֶוערֶער הָאט מֶען גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן, אוּן אַלְץ גְרֶעסֶערֶע צָרוֹת אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף זֵיי, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת ב, כג): **וַיְהִי בַיָּמִים הָרַבִּים הָהֵם וְגוֹ׳ וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל**; אוּן חַזַ״ל זָאגְן (שְׁמוֹת

אוּן עֶר ׳בֶּענְטְשְׁט׳ נָאכְדֶעם, אוּן דָאס גְלַייכְן. אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט שׁוֹין אַז יֶעדֶער אִיד זָאל אָנְקוּמֶען אִין דֶעם פְּלַאץ וואוּ עֶר דַארְף פַארְעֶכְטְן עֶפֶּעס, אַזוֹי וִוי דֶער **בַּעַל־שֵׁם־טוֹב הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ** טַייטְשְׁט (בַּעַל שֵׁם טוֹב עַל הַתּוֹרָה פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, סִימָן כו), אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קז, ה): **רְעֵבִים גַּם צְמֵאִים נַפְשָׁם בָּהֶם תִּתְעַטָּף**, אַז עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט אוּן זֵיי וֶוערְן מְגוּלְגָל אִין **דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר** – שְׁטֵיינֶער, גֶעוִוקְסְן, חַיוֹת, אָדֶער אִין מֶענְטְשְׁן. אוּן וֶוען אַ אִיד קוּמְט אָן אִין דֶעם פְּלַאץ וואוּ עֶס זֶענֶען דָארְט מְגוּלְגָל דִי נְפָשׁוֹת, אוּן עֶר וֶוערְט פְּלוּצְלִינְג זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג אָדֶער דָארְשְׁטֶערִיג, אוּן עֶר מַאכְט אַ עֶרְלִיכֶע בְּרָכָה, עֶר הָאט אִינְזִין אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן מַאכְט אַלֶעס גֶעלַאסְן, פַארְעֶכְט עֶר דִי נְשָׁמָה אוּן עֶס קֶען שׁוֹין אַרוֹיפְגֵיין, כָאטְשִׁיג מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה אִין דֶעם אוּן מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן דָאס נִישְׁט, גֶעשֶׁעהְט עֶס סַיי וִוי. וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען טַאקֶע אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ זַיין עֶרְלִיךְ וואוּ מֶען גֵייט נָאר, אוּן וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט.

רַבָּה א, לד), אַז פַּרְעֹה אִיז גֶעוָוארְן קְרֶעצִיג אוּן עֶר הָאט גוֹזֵר גֶעוֶוען מֶען זָאל אוֹיסְ'שֶׁחְטְ'ן אִידִישֶׁע קִינְדֶער זִיךְ צוּ הֵיילְן מִיט זֵייעֶר בְּלוּט. אַזוֹי אוֹיךְ שְׁפֶּעטֶער (שְׁמוֹת ה, ט), גֶעפוּנֶען מִיר אַז פַּרְעֹה הָאט פַארְשְׁוֶוערְט דִי אַרְבֶּעט אוֹיף דִי אִידְן, אוּן אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיף זֵיי אַז מֶען מוּז בְּרֶענְגֶען יֶעדְן טָאג אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל צִיגְל, אוּן אַז נִישְׁט הָאט מֶען אַוֶועק גֶענוּמֶען דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי אַרַיינְגֶעלֵייגְט רַחְמָנָא לִצְלָן אִין דִי וַואנְט (פִּרְקֵי דְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר פֶּרֶק מח; יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי שְׁמוֹת, סִימָן קעו). אוּן אַלֶעס אִיז נָאר גֶעוֶוען כְּדֵי דִי אִידְן זָאלְן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דִי קוֹל פוּן אַ אִיד (שְׁמוֹת רַבָּה כא, ה).

וֶועגְן דֶעם גֶעפוּנֶען מִיר טַאקֶע אַז דִי 'גְאוּלָה' הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ שְׁרֵייעֶן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת ב, כג-כה): וַיִּזְעָקוּ וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָ'אֱלֹקִים', וַיִּשְׁמַע 'אֱלֹקִים', וַיֵּדַע 'אֱלֹקִים'; אַפִילוּ עֶס אִיז נָאךְ גֶעוֶוען דֶער 'מִדַּת הַדִּין' וָואס הָאט מְקַטְרֵג גֶעוֶוען אוֹיף זֵיי, אָבֶער וִויבַּאלְד זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי

גֶעהָאלְפְן, אִין דִי זְכוּת פוּן דִי דְרַיי 'אָבוֹת' – **אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב**, וָואס דָאס וַוייזְט אוֹיף דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי יְשׁוּעָה (שְׁמוֹת רַבָּה א, לד-לו).

ו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רכט), פוּנֶעם רַמְבַּ"ם (הִלְכוֹת תְּפִלָּה פֶּרֶק א), אַז אַמָאל אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר 'תְּפִלָּה' אַז אַ אִיד הָאט עֶפֶּעס גֶעדַארְפְט הָאבְּן, הָאט עֶר זִיךְ אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ, אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי 'מִצְוֹת עֲשֵׂה' פוּן (דְבָרִים יא, יג): **וּלְעָבְדוֹ בְּכָל לְבַבְכֶם** – זָאלְסְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ. וָואס חַזַ"ל דַרְשְׁ'ענֶען אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף 'תְּפִלָּה' (תַּעֲנִית ב ע"א); דָאס הֵייסְט, וִויבַּאלְד מֶען הָאט גֶעהַאט אַזַא שְׁטַארְקֶע 'אֱמוּנָה' אוּן מֶען הָאט גֶעגְלֵייבְּט אַז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא אוּן עֶר הֶערְט מִיר צוּ, אוּן אוֹיסֶער אִים הָאבּ אִיךְ קֵיינֶעם נִישְׁט, מְמֵילָא הָאט מֶען גֶעקֶענְט רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער יֶעדֶע זַאךְ.

אָבֶער דִי ׳אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְדוֹלָה׳ [עֶזְרָא מִיט זַיין בֵּית-דִין] הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז עֶס וֶועט זַיין אַ בִּיטֶערֶע לַאנְגֶער גָלוּת, אוּן דִי אֱמוּנָה וֶועט חָלִילָה אָפְּגֶעשְׁוַואכְט וֶוערְן, הָאבְּן זֵיי מְתַקֵן גֶעוֶועזְן דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת ׳שַׁחְרִית מִנְחָה מַעֲרִיב׳[2].

וֶועגְן דֶעם וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶועזְן אִין מִצְרַיִם אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לַיידְן צָרוֹת, הָאבְּן זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶפֶּעס גֵייט דָא פָּאר, אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מִתְפַּלֵל זַיין צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וָואס דוּרְכְדֶעם הָאבְּן זֵיי עֶרְוֶועקְט דִי ׳זְכוּת אָבוֹת׳, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת

[2] חַזַ״ל (בְּרָכוֹת דַף כו ע״ב) הָאבְּן אַ מַחְלוֹקֶת, אַקֶעגְן וָואס מֶען הָאט מְתַקֵן גֶעוֶועזְן דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, אֵיינֶער זָאגְט: אַקֶעגְן דִי דְרֵיי ׳אָבוֹת׳, וָואס הָאבְּן גֶעדַאוֶוענְט דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת: אַבְרָהָם – ׳שַׁחְרִית׳; יִצְחָק – ׳מִנְחָה׳; יַעֲקֹב – ׳מַעֲרִיב׳. אוּן אֵיינֶער זָאגְט: ׳שַׁחְרִית׳ אוּן ׳מִנְחָה׳ הָאט מֶען מְתַקֵן גֶעוֶועזְן אַקֶעגְן דֶעם ׳קָרְבָּן תָּמִיד׳, וָואס מֶען הָאט מַקְרִיב גֶעוֶועזְן יֶעדְן טָאג אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ ׳צוּפְרִי אוּן פַארְנַאכְטְס׳, וָואס דָאס הָאט מְכַפֵּר גֶעוֶועזְן אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן צוּפְרִי אוּן בַּיינַאכְט, אוּן ׳מַעֲרִיב׳ אַקֶעגְן דִי ׳אֵיבָרִים וּפְדָרִים׳ וָואס דָאס הָאט נָאךְ גֶעקֶענְט בְּרֶענֶען אַ גַאנְצֶע נַאכְט אוֹיפְן מִזְבֵּחַ, דָאס אִיז דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת וָואס אַ אִיד דַארְף זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין צוּ דַאוְוענֶען.

ב, כד): **וַיִּזְכֹּר אֱלֹקִים אֶת בְּרִיתוֹ אֶת אַבְרָהָם וְאֶת יִצְחָק וְאֶת יַעֲקֹב.** און אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן נה): **בִּשְׁעַת אַ אִיד דַאוֶוענְט דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת אִיז** עֶר מְעוֹרֵר דִי זְכוּת פוּן דִי אָבוֹת; וַוייל דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת בּוֹיעֶט אוֹיף דִי אֱמוּנָה פוּן אַ אִיד, וַוייל אִינְדֶערְפְּרִי וֶוען עֶר שְׁטֵייט אוֹיף וֵוייסְט עֶר אַז עֶר קֶען גָארְנִישְׁט טוּהן, "עֶר מוּז גֵיין דַאוֶוענֶען שַׁחְרִית", נָאכְמִיטָאג [בִּפְרַט אִין דִי ווִינְטֶער חֲדָשִׁים], הָאט עֶר נִישְׁט קַיין מְנוּחָה, "עֶר מוּז לוֹיפְן דַאוֶוענֶען מִנְחָה", דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ בַּיינַאכְט, וֵוייסְט עֶר אַז עֶר מוּז נָאךְ דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב.

און דָאס הַאלְט אַ אִיד בַּיי אִידִישְׁקֵייט, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ח), אוֹיף דֶעם וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נד ע"ב): **עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן** הָאט גֶענוּמֶען אַ בַּארְג פוּן דְרֵיי פַּרְסָאוֹת און דָאס גֶעוָואלְט אַרוֹיף וַוארְפְן אוֹיף דִי מַחֲנֶה פוּן דִי אִידְן, וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען גְרוֹיס דְרֵיי פַּרְסָאוֹת, בִּיז מֹשֶׁה רַבֵּנוּ אִיז גֶעקוּמֶען און אִים גֶעגֶעבְּן אַ הַאק בַּיי דִי קְנֶעכְל, און עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן און גֶעבְּלִיבְּן בַּאגְרָאבְּן אוּנְטֶער דִי בַּארְג;

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַז דִי דְרֵיי 'פַּרְסָאוֹת' גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי דְרֵיי 'תְּפִלוֹת' וָואס מִיר דַאוֶּוענֶען יֶעדְן טָאג. וַוייל ווִילַאנְג אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק צוּ גֵיין דַאוֶּוענֶען 'שַׁחְרִית מִנְחָה מַעֲרִיב' אִין שׁוּהְל, אִיז עֶר נָאךְ אִין 'מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל' – דִי אִידִישֶׁע מַחֲנֶה, אָבֶער וִוי נָאר מֶען הֵייבְּט אָן מְזַלְזֵל זַיין אִין 'תְּפִלָּה', מֶען פַארְפֶעלְט אַ תְּפִלָּה, אָדֶער מֶען לָאזְט אוֹיס פוּנֶעם דַאוֶּוענֶען, הֵייבְּט מֶען אָן אַוֶּועק צוּ גֵיין פוּנֶעם אִידִישְׁן וֶועג[3].

---

[3] דֶערְפַאר דַארְף מֶען דַאוֶּוענֶען דָאס גַאנְצֶע דַאוֶּוענֶען פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְן סוֹף, וָואס דָאס הָאט מֶען מְתַקֵּן גֶעוֶּוען מִיט מוֹרָא'דִיגֶע סוֹדוֹת, אַקֶּעגְן דִי פִיר עוֹלָמוֹת, כָאטְשִׁיג מִיר וֵוייסְן נִישְׁט וָואס דָאס אִיז, דַארְף מֶען אָבֶער זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אַלֶעס צוּ דַאוֶּוענֶען אִין אַ סֵדֶר אוּן גָארְנִישְׁט אוֹיסְלָאזְן.

חַזַ"ל זָאגְן (מְגִילָּה ל"א ע"ב; תַּנְחוּמָא צו, סִימָן יד): וֶוען דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען, אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט הָאט עֶר גֶעבְּרֶענְגְט אַ קָרְבָּן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים מוֹחֵל גֶעוֶּוען, אָבֶער הַיינְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, מִיט דֶעם וָואס מֶען 'זָאגְט' דִי **קָרְבָּנוֹת** אִיז אַזוֹי וִוי מֶען הָאט 'מַקְרִיב' גֶעוֶּוען דִי קָרְבָּנוֹת, אוּן דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ אִיז מוֹרָא'דִיג מַפְלִיג דָאס וָואס אַ אִיד זָאגְט דִי קָרְבָּנוֹת (פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, דַף ק ע"א; בַּמִּדְבָּר דַף קכ ע"ב.), אוּן דָאס גַאנְצֶע זָאגְן קָרְבָּנוֹת נֶעמְט נִישְׁט מֶער וִוי אַפָּאר מִינוּט, אוּן דָאס אִיז אַקֶּעגְן **'עוֹלָם הָעֲשִׂיָּה'**.

נָאכְדֶעם וְוִיבַּאלְד דִי קְלִיפּוֹת ווילְן זִיךְ אָנְכַאפְּן אִין דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס דַאוֶוענְט, זָאגְט מֶען ׳הוֹדוּ׳, וָואס דִי אַלֶע פְּסוּקִים רֶעדְן פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זֵיי מְבַטֵל. נָאכְדֶעם וֶוען מֶען זָאגְט ׳בָּרוּךְ שֶׁאָמַר׳, גֵייט מֶען אַרַיין אִין ׳עוֹלָם הַיְצִירָה׳, ווִי מֶען זָאגְט דִי מִזְמוֹרִים פוּן דָוִד הַמֶלֶךְ, אוּן מֶען לוֹיבְּט אוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאכְדֶעם וֶוען מֶען זָאגְט שׁוֹין יוֹצֵר אוֹר בַּיי ׳בִּרְכַת קְרִיאַת שְׁמַע׳ גֵייט מֶען שׁוֹין אַרַיין אִין ׳עוֹלָם הַבְּרִיאָה׳, וָואס מֶען רֶעדְט שׁוֹין מֶער נֶענְטֶער אוּן אָפֶּענֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; בִּיז מֶען קוּמְט אָן צוּ ׳שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה׳ וֶוען מֶען רֶעדְט שׁוֹין צוּם בַּאשֶׁעפֶער אָפֶען, אוּן מֶען בֶּעט אִים יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען וויל, וָואס דָאס אִיז שׁוֹין אִין ׳עוֹלָם הָאֲצִילוּת׳; נָאכְדֶעם פַאלְט מֶען ׳נְפִילַת אַפַּיִם׳, וֶוען מֶען אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ; נָאכְדֶעם הֵייבְּט אָן אַרָאפּ צוּ גֵיין דִי ׳שֶׁפַע׳ וֶוען מֶען זָאגְט ׳אַשְׁרֵי וּבָא לְצִיּוֹן׳ בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען בִּיז נָאךְ ׳עָלֵינוּ׳ אוּן דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַרוֹיס מִיט אַ גְרוֹיסֶע שֶׁפַע.

אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל דָאס וויסְן וָואלְט עֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן צוּ דַאוֶוענֶען גַאנְץ שַׁחְרִית אִין אַ רַייעֶ, נָאר ווִיבַּאלְד עֶר וֵוייסְט דָאס נִישְׁט, כַאפְּט עֶר אָפּ, אוּן עֶר מַאכְט זִיךְ חֶשְׁבּוֹנוֹת: פַארְוָואס דַארְף אִיךְ זָאגְן דִי קָרְבָּנוֹת? עֶס אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט, אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן גְלַייךְ בַּיי בָּרוּךְ שֶׁאָמַר! אוּן נָאכְדֶעם זָאגְט עֶר גְלַייךְ יִשְׁתַּבַּח אוּן קְרִיאַת שְׁמַע אוּן שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, אוּן עֶר טוּט אוֹיס דִי תְּפִלִין, אָבֶּער ווִיבַּאלְד מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִינֶעם דַאוֶוענֶען, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן צוּ שְׁנַיידְן שְׁטִיקֶער פוּנֶעם דַאוֶוענֶען וֶוערְט מֶען לֵיידֶער אָפְּגֶעקִילְט פוּן ׳יִרְאַת שָׁמַיִם׳, אוּן מֶען פַאלְט אַוֶועק פוּן אִידִישְׁן וֶועג.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ בַּיי מִנְחָה, לֵיידֶער זֶעהְט מֶען נֶעבֶּעךְ אַפִילוּ בַּיי אַסַאךְ וָואס זֵיי הֵייסְן ׳בְּנֵי תּוֹרָה׳ אָבֶּער אִין תְּפִלַּת מִנְחָה זֶענֶען זֵיי מוֹרָא׳דִיג מֵיקֵל, קוֹדֶם דַאוֶוענְט מֶען אֵיינְס אַזֵייגֶער [וָואס אִיז דִי גְרוֹיסֶע גֶעיָאגֶעגִישׁ צוּ דַארְפְן דַאוֶוענֶען לְכַתְּחִילָה ׳מִנְחָה גְדוֹלָה׳?] אוּן אוֹיבּ אִיז נִישְׁט גֶענוּג הֵייבְּט מֶען גְלַייךְ אָן בַּיי אַשְׁרֵי [וָואס אִיז מִיט ׳קָרְבָּנוֹת׳, וָואס אִיז אַקֶעגְן דִי תָּמִיד שֶׁל בֵּין הָעַרְבַּיִם?] אוּן דֶער חַזָן זָאגְט שׁוֹין הוֹיכֶע

אָבֶּער אַפִּילוּ אַז מֶען אִיז שׁוֹין זוֹכֶה צוּ דַאוֶונֶען דָאס גַאנְצֶע דַאוֶונֶען, דַארְף מֶען נָאךְ אַלְץ הָאבְּן מוֹרָא׳דִיגֶע רַחְמִים צוּ קֶענֶען דַאוֶונֶען אַ רֵיינֶע שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, אוּן אַזוֹי אַלֶע מִזְמוֹרִים וָואס מֶען זָאגְט בַּיים דַאוֶונֶען, וַוייל צוּ דַאוֶונֶען מִיט ׳כַּוָונָה׳ – אִינְזִין צוּ הָאבְּן וָואס מֶען רֶעדְט, אוּן צוּ וֶועם מֶען רֶעדְט, דַארְף מֶען הָאבְּן מוֹרָא׳דִיגֶע כּוֹחוֹת, אוּן דָאס הֵייסְט ׳שְׁלֵימוּת הַתְּפִלָּה׳ אַז עֶר הָאט אִינְזִין וָואס עֶר רֶעדְט[4].

שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, אָן דַאוֶונֶען קוֹדֶם שְׁטִילֶע שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה. וָואס דָאס קוּמְט וַוייל מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין תְּפִלָּה.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְף מֶען מוֹרָא׳דִיג אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ דַאוֶונֶען מַעֲרִיב אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ד׳ ע״ב): פַארְוָואס אִיז מַעֲרִיב אַזוֹי הַארְבּ? כְּדֵי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַהֵיים אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט נָאךְ אַגַאנְצֶע טָאג, זָאל עֶר נִישְׁט זָאגְן: אִיךְ וֶועל קוֹדֶם עֶסְן אַבִּיסְל, שְׁלָאפְן אַבִּיסְל, וַוייל עֶר קֶען אַזוֹי פַארְשְׁלָאפְן אַ גַאנְצֶע נַאכְט, אוּן עֶס וֶועט אוֹיסְקוּמֶען אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדַאוֶונְט קַיין מַעֲרִיב, אוּן נִישְׁט גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פוּן בַּיינַאכְט.

[4] אָבֶּער דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ל) אַלֶע מַחְשָׁבוֹת קוּמֶען אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען; מֶען וֶועט פוּן אַלֶעס טְרַאכְטְן נָאר נִישְׁט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, נָאר מִיר זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי

אַיינְגֶעוואוֹינְט אִין דֶעם, אַז מִיר כַאפְּן גָארְנִישְׁט אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט אִינְזִין וָואס מִיר דַאוֶוענֶען, בַּיים דַאוֶוענֶען טְרַאכְט מֶען: אִיךְ דַארְף טְרָאגְן דִי קַאר צוּם מֶעקֶענִיק פַּאר אַ אוֹיל טְשֶׁענְדְשׁ, אָדֶער עֶפֶּעס פַּארֶעכְטְן; אִיךְ דַארְף לוֹיפְן אִין בַּאנְק דֶעפַּאזִיטְן גֶעלְט, דִי טְשֶׁעקְס זָאלְן נִישְׁט קְרַאכְן... אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע זַאכְן וָואס עֶר דַארְף עֶרְלֶעדִיגְן טְרַאכְט עֶר פּוּנְקְט בַּיים דַאוֶוענֶען, מֶען רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט אַז עֶר טְרַאכְט אַלֶע שְׁמוּצִיגֶע גֶעדַאנְקֶן, אוּן אַפִילוּ אַז עֶר טְרַאכְט פוּן גוּטֶע זַאכְן: אִיךְ וֶועל לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל דַפִּים גְמָרָא הַיינְט, טוּהְן אַזוֹיפִיל מִצְוֹת הַיינְט. אַלֶעס אִיז זֵייעֶר פֵיין אוּן זֵייעֶר וואוֹיל אָבֶער נִישְׁט אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען! **זְמַן תְּפִלָּה לְחוּד זְמַן תּוֹרָה לְחוּד** (שַׁבָּת דַף י ע״א).

דָאס הֵייסְט '**תְּפִלָּה בְּכֹחַ**' (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ה; ט; מ״חַ; חֵלֶק ב, סִימָן פד), נִישְׁט אַז מֶען דַארְף שְׁרַייעֶן קוֹלוֹת אָדֶער זִיךְ שָׁאקְלֶען אוּן וַוארְפְן בַּיים דַאוֶוענֶען, אָדֶער קְרֶעכְצְן אוֹי! אוֹי! דָאס הֶעלְפְט בִּכְלַל נִישְׁט בֶּעסֶער אִינְזִין צוּ הָאבְּן, וַוייל דֶער יֵצֶר הָרַע מִיט אַלֶע פְּרֶעמְדֶע מַחְשָׁבוֹת בְּלַייבְּן דֶעמָאלְט׳ס אוֹיךְ אִין מֹחַ (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן עב), נָאר דֶער עִיקָר אִיז אִינְזִין צוּ הָאבְּן פָּשׁוּט דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען דַאוֶוענְט: **אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם דַעַת** - דוּ בַּאשֶׁעפֶער גִיבְּסְט דָאךְ פַאר יֶעדֶעם שֵׂכֶל, בֶּעהְט אִיךְ דִיר: **חָנֵנוּ מֵאִתְּךָ חָכְמָה בִּינָה וָדַעַת** - גֶעבּ מִיר אוֹיךְ שֵׂכֶל. אוּן אַזוֹי בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן הֲשִׁיבֵנוּ, פָּשׁוּט אִינְזִין הָאבְּן **הֲשִׁיבֵנוּ אָבִינוּ לְתוֹרָתֶךָ** - בַּאשֶׁעפֶער בְּרֶענְג מִיךְ צוּרִיק צוּ דַיין תּוֹרָה, **וְקָרְבֵנוּ מַלְכֵּנוּ לַעֲבוֹדָתֶךָ** - אוּן הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען דַאוֶוענֶען צוּ דִיר, **וְהַחֲזִירֵנוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה לְפָנֶיךָ** - אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועל אִיךְ קֶענֶען אִינְגַאנְצְן תְּשׁוּבָה טוּהְן צוּ דִיר. אוּן אַזוֹי דַארְף מֶען אִינְזִין הָאבְּן אֵיין בְּרָכָה נָאכְן אַנְדֶערְן, אוּן אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶר קֶען אָפְּדַאוֶוענֶען דִי גַאנְצֶע שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה אוּן עֶר הָאט נִישְׁט אִינְזִין גֶעהַאט קַיין אֵיין וָוארְט וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, דֶערְפַאר דַארְף מֶען הָאבְּן אוֹיף דֶעם דִי גְרֶעסְטֶער כּוֹחוֹת.

בַּיים אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ חַזָן וָואס עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט לַאנְג דִי שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה אוּן וֶוען דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ הָאט שׁוֹין אוֹיסְגֶעטְרֶעטְן הָאט עֶר נָאךְ גֶעהַאלְטְן

דֶער הֵיילִיגֶער שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְז זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל אִינְזִין הָאבְּן דִי טַייטְשׁ פוּן יֶעדֶע וָוארְט וָואס עֶר זָאגְט, פוּן אָנְפַאנְג דַאוֶוענֶען בִּיזְן סוֹף דַאוֶוענֶען, קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ; וַוייל אִין דִי אַלֶע מִזְמוֹרִים אוּן בְּרָכוֹת וָואס מֶען זָאגְט בַּיים דַאוֶוענֶען אִיז מֶען דָאךְ מְגַלֶה דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער 'גָלוּת' אַז מֶען קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען גֶעהֶערִיג, אוּן דָאס הָאט 'עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן' גֶעוָואלְט אַרוֹיף וַוארְפְן אוֹיף אִידְן: דִי דַאוֶוענֶען זָאל אוֹיסְקוּקְן וִוי אַ בַּארְג, אוּן מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ דַאוֶוענֶען. אָבֶּער מֹשֶׁה רַבֵּנוּ הָאט אִים צוּהַאקְט אוּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ זִיסְקֵייט אִינֶעם דַאוֶוענֶען.

---

אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, וֶוען עֶר הָאט עֶנְדְלִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט, זָאגְט אִים דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ: נוּ, הָאסְט שׁוֹין אַיינְגֶעקוֹיפְט דֶעם זָאטְל פַארְן אֵייזְל?! וַוייל אַ גַאנְצְן שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה הָאט עֶר אִינְזִין גֶעהַאט וואוּ מֶען קֶען קוֹיפְן אַ זָאטְל, אוּן וואוּ עֶס אִיז בִּילִיגֶער, כָאטְשִׁיג פוּן דְרוֹיסְן הָאט עֶס אוֹיסְגֶעקוּקְט וִוי עֶר אִיז זֵייעֶר מְכַוֵון דָאס דַאוֶוענֶען, אָבֶּער דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ הָאט דָאס גֶעוִויסְט מִיט זַיין רוּחַ הַקוֹדֶשׁ (עַיֵין תִּפְאֶרֶת שְׁלֹמֹה לִקוּטִים, מִיכָה, ז), אוּן קֵיינֶער אִיז נִישְׁט רֵיין פוּן דֶעם, אַז מֶען זָאל זִיךְ גוּט בַּאטְרַאכְטְן.

ז.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם, אַז דֶער מֹחַ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קְלֵיין אוּן מְצוּמְצָם, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, מְמֵילָא הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אוּן עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס עֶר הָאט אִין אוּנְז אַרַיין גֶעלֵייגְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, מֶען זָאל וִויסְן אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אוּן אוֹיסֶער אִים אִיז גָארְנִישְׁט דָא, אוּן אַזוֹי אַרוּם הָאט פַּרְעֹה גֶעכַאפְּט גוּטֶע צֶען מַכּוֹת, אוּן עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, נָאכְדֶעם הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּנְז גֶעשְׁפָּאלְטְן דֶעם יַם, בִּיז עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בַּיי 'קַבָּלַת הַתּוֹרָה', אוּן אַזוֹי זֶענֶען דִי אִידְן גֶעוֶוען אִין מִדְבָּר פֶּערְצִיג יָאר מִיט אַלֶע נִיסִים וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט דִי גַאנְצֶע צַייט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֶלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, פַּרְשַׁת שְׁלַח): פַארְוָואס זֶענֶען מִיר גֶעוֶוען אִין

מִדְבָּר? כְּדֵי צוּ זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן אַלֶע 'אוּמוֹת הָעוֹלָם', אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי טֶבַע, אוּן זַיין נָאר פַּארְאֵיינִיגְט מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער; דֶערְפַאר וֶוערְט דֶער 'דוֹר הַמִּדְבָּר' אָנְגֶערוּפְן 'דוֹר דֵעָה'.

וֶועגְן דֶעם אִיז דֶער חוֹדֶשׁ אַזוֹי גְרוֹיס אוּן מֶען קֶען אוֹיסְבָּארְגְן אַזאלֶעכֶע גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, וַוייל וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן אִין חוֹדֶשׁ נִיסָן שְׁפִּילְט זִיךְ אִיבֶּער דִי אַלֶע נִיסִים וָואס אִיז דֶעמָאלְטְ'ס גֶעשֶׁעהְן פַאר דִי אִידְן, בִּיז עֶס וֶועט קוּמֶען דִי 'גְאוּלָה' פֶּסַח בַּיינַאכְט, וָואס דֶעמָאלְטְ'ס זֶענֶען דִי אִידְן אַרוֹיס פוּן 'מִצְרַיִם' אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע גְאוּלָה.

ח.

וֶועגְן דֶעם פֶּסַח בַּיינַאכְט פְרֶעגְן דִי קִינְדֶער "מַה נִשְׁתַּנָה", אוּן דֶער מִנְהָג אִיז אַז אוֹיךְ דִי עֶרְוַואקְסֶענֶע פְרֶעגְן דִי קַשְׁיוֹת פוּן 'מַה נִשְׁתַּנָה', וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט פַּארְשִׁידֶענֶע צָרוֹת אוּן שְׁוֶוערִיקֵייטְן, אוּן פֶּסַח בַּיינַאכְט קוּמְט מֶען צוּ אַזַא

קְלָארֶע אֶמוּנָה, אַז מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועגְן דֶעם פְרֶעגְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! פַארְוָואס קוּמְט מִיר דִי אַלֶע צָרוֹת, וָואס דַארְף אִיךְ פַארֶעכְטְן?!

און דִי תְּשׁוּבָה אִיז: עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרָיִם, אַז עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת, נָאר אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ פוּנְקְטְלִיכְן חֶשְׁבּוֹן, און וִויבַּאלְד אַ מֶענְטְשׁ הָאט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין 'גָלוּת מִצְרַיִם', דַארְף עֶר דוּרְכְגֵיין דִי שְׁוֶועריקֵייטְן, און אַז עֶר וֶועט זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֶמוּנָה וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת, און זוֹכֶה זַיין אוֹיסְגֶעלֵייזְט צוּ וֶוערְן פוּן מִצְרַיִם.

ט.

שְׁטֶענְדִיג קוּמְט אוֹיס אַז מֶען לֵיינְט דִי סִדְרוֹת פוּן תַזְרִיעַ און מְצוֹרָע נָאנְט צוּ פֶּסַח, אוּנְז צוּ לֶערְנֶען, אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט שְׁטֶענְדִיג רַחְמָנוּת אוֹיף אוּנְז, און עֶר וִויל אוּנְז נָאר הֶעלְפְן, און עֶר הֶעלְפְט אוּנְז טַאקֶע, נָאר אַ

מֶענְטְשׁ זֶעהְט נִישְׁט דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים, עֶר קוּקְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיף וָואס עֶס פֶּעלְט אִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן מ): אוֹיף דֶעם וָואס חַזַ"ל זָאגְן (קֹהֶלֶת רַבָּה א, לד), **אֵין אָדָם מֵת וַחֲצִי תַּאֲוָתוֹ בְּיָדוֹ**; אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְן הַאלְבְּן גְלָאז וָואס פֶּעלְט, בִּשְׁעַת עֶר וָואלְט גֶעדַארְפְט זַיין גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן אַז עֶר הָאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם הֶענְט, פִּיס, אוֹיגְן, אוֹיעֶרְן, אַ נָאז, אַ מוֹיל וְכוּ'. מֶען זֶעהְט נֶעבֶּעךְ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען קְרַאנְק רַחְמָנָא לִצְּלָן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פִּיס, אָדֶער דִי הֶענְט זֶענֶען אִים גֶעלֶעיִמְט, אָדֶער עֶר אִיז בְּלִינְד, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען אִיז גֶעזוּנְט אוּן מֶען הָאט דִי אַלֶע זַאכְן אִיז נִישְׁט גֶענוּג?!

דֶערְפַאר זָאגְט דִי מִדְרָשׁ (הוּבָא בְּמִדְרָשׁ שְׁמוּאֵל עַל אָבוֹת, פֶּרֶק ד, מִשְׁנָה א; וְעוֹד): **'עָשִׁיר' אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת - עֵ'ינַיִם שִׁ'נַיִם יָ'דַיִם רַ'גְלַיִם**; וַוייל אַז מֶען פַארְמָאגְט 'אוֹיגְן צוּ זֶעהְן' אוּן 'צֵיינֶער צוּ עֶסְן' 'הֶענְט זִיךְ צוּ בַּאוֶועגְן' אוּן 'פוּס צוּ גֵיין', אִיז מֶען שׁוֹין דֶער גְרֶעסְטֶער עוֹשֶׁר. וֶועגְן דֶעם דַאנְקֶען מִיר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער דֶערוֹיף בַּיי דִי בְּרָכוֹת וָואס מִיר זָאגְן

יֶעדְן טָאג צוּפְרִי: 'פּוֹקֵחַ עִוְרִים, הַמֵּכִין מִצְעֲדֵי גֶבֶר' וְכוּ'. נָאר אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט דָאס נִישְׁט אוּן עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג טַעֲנוֹת אוֹיף וָואס עֶס פֶּעלְט אִים נָאךְ[5], אוּן אַז מֶען הַאלְט זִיךְ אִין אֵיין בַּאקְלָאגְן אוֹיף דִי צָרוֹת, אוּן מֶען הָאט נָאר טַעֲנוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, כַאפְּט מֶען נָאכְדֶעם אַזַאלֶעכֶע פֶּעטְשׁ בִּיז מֶען הֵייבְּט אָן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי וֶוערְט מֶען גֶעוָואר אַז אַפִילוּ אִין דִי טֶבַע, אִין דִי אַלֶע צָרוֹת, אִיז אוֹיךְ דָא דֶער בַּאשֶׁעפֶער.

דָאס גֶעפוּנֶען מִיר בַּיי 'גָלוּת מִצְרַיִם', אַז וֶוען דִי יְשׁוּעָה הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן, וֶוערְט עֶטְלִיכֶע מָאל דֶערְמַאנְט אִין דִי תּוֹרָה דֶער שֵׁם אֱלֹקִים: וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל 'הָאֱלֹקִים' מִן הָעֲבוֹדָה (שְׁמוֹת ב, כג); וַיִּשְׁמַע 'אֱלֹקִים' אֶת נַאֲקָתָם, וַיִּזְכֹּר 'אֱלֹקִים' אֶת בְּרִיתוֹ אֶת אַבְרָהָם וְאֶת יִצְחָק וְאֶת יַעֲקֹב (שָׁם שָׁם, כד); וַיַּרְא 'אֱלֹקִים' אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֵּדַע 'אֱלֹקִים' (שָׁם

[5] אַוַודַאי אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף עֶפֶּעס הָאבְּן, זָאל עֶר בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער וֶועט עֶר עֶס בַּאקוּמֶען, אָבֶּער נִישְׁט הָאבְּן טַעֲנוֹת אוּן זִיךְ נָאר בַּאקְלָאגְן.

שָׁם, כה); וַוייל ׳אֱלֹהִי–ם׳ בַּאטְרֶעפְט ׳הַטֶבַע׳, צוּ וַוייזְן, אַז וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז אַפִילוּ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט מִיט אַלֶע צָרוֹת וָואס עֶס קוּקְט אוֹיס וִוי עֶס אִיז ׳טֶבַע׳ – עֶס קוּמְט אַזוֹי, אוּן עֶס וֶועט שׁוֹין אַזוֹי בְּלַייבְּן, אָבֶּער אוֹיבּ וֵוייסְט מֶען אַז דָאס אִיז אוֹיךְ אַלֶעס מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע ׳הַשְׁגָחָה׳ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְטְ׳ס בַּאקוּמְט מֶען דִי יְשׁוּעָה[6].

[6] דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַייזִיקְל זִידִיטְשׁוֹבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט צוּ וואוּנְטְשְׁן פַאר וֶוער עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים נָאךְ אַ בְּרָכָה, מִיט דֶעם לָשׁוֹן: ׳אַ בְּרָכָה פוּן הִימָאל׳. [מִיטְן זִידִיטְשׁוֹבֶער נִיגוּן], עֶר הָאט גֶעהַאט אַ זוּהְן רֶבִּי אֵלִיָהוּ [הרה״ק רֶבִּי אֵלִיָהוּ מִזִידִיטְשׁוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מח״ס זִכָּרוֹן אֵלִיָהוּ, וָואס עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דֶעם טַאטְן נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז אַוֶועק (ט׳ סִיוָן שְׁנַת תרל״ג), אִין אָנְפַאנְג הָאט מֶען נִישְׁט גֶעוִויסְט אַז עֶר קֶען לֶערְנֶען, וַוייל אַ אֱמֶתְ׳ער עֶרְלִיכֶער אִיד בַּאהַאלְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וִויסְן וָואס עֶר טוּט אַלְץ, אוּן וואוּ עֶר הַאלְט, אוּן וִויפִיל עֶר הָאט שׁוֹין גֶעלֶערְנְט], אוּן וִויבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּגֶעבִּינְדְן צוּ זַיין טַאטְן, הָאט עֶר אִים אַמָאל גֶעפְרֶעגְט: פַארְוָואס עֶר וואוּנְטְשְׁט שְׁטֶענְדִיג: ׳אַ בְּרָכָה פוּן הִימָאל׳? הָאט מֶען שְׁפֶּעטֶער אוֹיסְגֶעפוּנֶען אַז ׳הִימָאל׳ אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיוֹת פוּן שֵׁם ׳אֱלֹהִי–ם׳, אוּן עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אַז אַפִילוּ פוּן דִי מִדַת הַדִין זָאל אוֹיךְ וֶוערְן רַחְמִים (עַיֵין בְּסוֹף סֵפֶר אַיָלָה שְׁלוּחָה בְּדִבְרֵי הֶסְפֵּדוֹ עָלָיו).

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיפְן גְרוֹיסְן גָאוֹן אוּן לַמְדָן דֶער הֵיילִיגֶער **בַּעַל כּוֹכָב מִיַעֲקֹב זצ״ל** [טַאטֶע פוּן הגה״ק **טְשֶׁעבִּינֶער רָב זצ״ל** פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל], אַז עֶר אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אוֹיף שְׁבוּעוֹת בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי אַייזִיקְל זִידִיטְשׁוֹבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מוֹצָאֵי שְׁבוּעוֹת

אוּן דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער טַעַם פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט 'נְגָעִים' פַאר אַ מֶענְטְשׁ, נִישְׁט חָלִילָה אִים וֵויי צוּ טוּהְן, נָאר כְּדֵי עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְן צוּ אִים, אָבֶער וִויבַּאלְד דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל אוּן עֶר כַאפְּט דָאס נִישְׁט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אַן אָב הָרַחֲמִים, מַאכְט עֶר עֶס זָאל וֶוערְן אַ 'נֶגַע' אוֹיף דִי הוֹיז, צוּם בַּיישְׁפִּיל: פְּלוּצְלִינְג הָאט גֶעפְּלַאצְט אַ פֵּייפּ אִין דִי הוֹיז, אָדֶער עֶס אִיז נֶעבֶּעךְ

---

אִיז דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם זִיךְ גֶעגַאנְגֶען גֶעזֶעגֶענֶען, אוּן וִויבַּאלְד רֶבִּי יַעֲקֹב זצ"ל אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן אוּן לַמְדָן, הָאט מֶען אִים גֶעגֶעבְּן אַ בֶּענְקְל צוּ זִיצְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעקוּקְט וִוי דֶער עוֹלָם גֵייט דוּרְךְ, אוּן יֶעדֶער בֶּעהְט זַיין בַּקָשָׁה פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי וואוּנְטְשְׁט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם מִיטְן זֶעלְבְּן נוּסַח: "אַ בְּרָכָה פוּן הִימָאל". הָאט עֶר זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם, אוּן מְהַרְהֵר גֶעוֶוען: גְלַייךְ וֶוען אֵיינֶער אִיז עֶפֶּעס מַזְכִּיר, וֵוייסְט שׁוֹין דֶער רֶבִּי אַלֶעס וָואס יֶענֶער גֵייט דוּרְךְ, אוּן וָואסְפַארַא צָרָה עֶר הָאט? אוּן עֶר וואוּנְטְשְׁט שׁוֹין: אַ בְּרָכָה פוּן הִימָאל?! וִוי נָאר עֶר טְרַאכְט דָאס אַזוֹי צוּ זִיךְ, גֶעט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַייזִיקְל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַ דְרֵיי אוֹיס, אוּן רוּפְט זִיךְ אָן צוּ אִים: אוּן וָואס אִיז מִיט דֶעם וָואס חַזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יח ע"א): **וְכֻלָּן נִסְקָרִין בִּסְקִירָה אַחַת** - רֹאשׁ הַשָּׁנָה קוּקְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער יֶעדְן דוּרְךְ אוֹיף אֵיינְמָאל?! הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַז עֶר כַאפְּט אוֹיף זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת אוֹיךְ, הָאט עֶר שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען אַז צַדִיקִים זֶעהְן אוּן וֵוייסְן אַלֶעס.

גֶעוָוארְן אַ לָאךְ אִין דִי דַאךְ אוּן עֶס רֶעגֶענְט אַרַיין, אָדֶער דֶער וַואנְט הָאט בַּאקוּמֶען אַ שְׁפַּאלְט אוּן דָאס גְלַייכְן, אוּן עֶס וֶוערְט פְּלֶעקְן אוֹיף דִי וַואנְט אָדֶער אוֹיפְן דַאךְ, אָבֶּער אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט: עֶס אִיז אַ טֶבַע! עֶס אִיז פּוּנְקְט גֶעשֶׁעהְן אַזוֹי! רוּפְט עֶר אַ פְּלָאמְבֶּער אָדֶער אַ הֶענְדִימַאן, אוּן עֶס קָאסְט אִים אַסַאךְ גֶעלְט דָאס צוּ פַארְרֶעכְטְן, וָואס דָאס זֶענֶען דִי נְגָעִים אִין דִי הַיינְטִיגֶע צַייטְן, נָאר דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז דָאס אִיז אַ 'נֶגַע', אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי 'טֶבַע'.

אָבֶּער אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר הֵייבְּט אָן גְלַייךְ צוּ טְרַאכְטְן: פַארְוָואס הָאט דָאס מִיר פַּאסִירְט?! אוּן עֶר גֵייט צוּם צַדִיק עֶר זָאל אִים עֶרְקְלֶערְן פַארְוָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אַזַא שָׁאדְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (וַיִקְרָא יד, ב): וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן. דֶעמָאלְטְ'ס גֵייט אַוֶועק דִי 'נֶגַע', ווייל עֶר הָאט שׁוֹין אַנֶערְקֶענְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, מְמֵילָא אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ זֶעהְן אַ בְּרָכָה פוּן הִימְל, אוּן אַלֶעס דְרֵייט זִיךְ אִיבֶּער צוּם גוּטְן.

אָבֶּער אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט דָאס נִישְׁט, עֶר מֵיינְט אַז עֶס אִיז פָּשׁוּט אַ אַלְטֶע הוֹיז אוּן וֶועגְן דֶעם פַּאסִירְן דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, דַאן קוּמְט שׁוֹין אַ 'נֶגַע' אוֹיף זַיינֶע קְלֵיידֶער, צוּם בַּיישְׁפִּיל: פְּלוּצְלִינְג וֶוערְט אִים צוּרִיסְן זַיין רֶעקְל אָדֶער זַיין בֶּעקִיטְשֶׁע[7]. אוּן אוֹיבּ כַאפְּט עֶר נָאךְ אַלְץ נִישְׁט אַז דָאס קוּמְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, נָאר עֶר הָאט טַעֲנוֹת אוֹיפְן שְׁנַיידֶער, אַז עֶר קֶען נִישְׁט גוּט אוֹיפְנֵייֶען קַיין סְחוֹרָה, קוּמְט אִים שׁוֹין נָאכְדֶעם אַ 'נֶגַע' אוֹיפְן 'גוּף', קוֹדֶם אוֹיף דִי דְרוֹיסְנְדִיגֶע חֲלָקִים, אוּן אוֹיבּ עֶר כַאפְּט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט אַז דָאס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּמְט אִים דָאס

---

[7] מֶען דֶערְצֵיילְט אַז פַּארְן הֵיילִיגְן 'חֲתַם סוֹפֵר' זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ אַמָאל צוּרִיסְן אַ קְנֶעפְּל, הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעזָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן: בַּאשֶׁעפֶער בָּרוּךְ הוּא! אִיךְ וֵויס וָואס דוּ ווילְסְט פוּן מִיר.

דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צְווישְׁן דֶערְנֶער, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אִים צוּרִיסְן דִי הוֹיזְן אָדֶער דָאס גְלַייכְן, זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען שֶׁעלְטְן: אַזַא שְׁלִי-מַזָל בִּין אִיךְ! וַוייל אִין דִי דֶערְנֶער אִיז דָא נְשָׁמוֹת וָואס זֵיי זוּכְן זִיךְ אָנְצוּכַאפְּן אִינֶעם מֶענְטְשׁ, כְּדֵי זֵיי זָאלְן בַּאקוּמֶען זֵייעֶר תִּיקוּן, אוּן מִיט דֶעם וָואס עֶר אִיז דָאס מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה, אוּן עֶר זָאגְט: **גַם זוּ לְטוֹבָה**! עֶס זָאל זַיין פַאר אַ כַּפָּרָה! אוּן אוֹיבּ אִיז פַארְהַאן דָא אַ נְשָׁמָה זָאל עֶס בַּאקוּמֶען אִיר תִּיקוּן! דוּרְכְדֶעם וֶוערְן זֵיי פַארָאכְטְן.

נָאכְדֶעם אִין דִי אִינֶערְלִיכֶע אֵיבָרִים רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

י.

וֶועגְן דֶעם יֶעצְט וֶוען מֶען הַאלְט בַּיי דִי 'גְאוּלָה' פוּן 'מִצְרַיִם', אִיז דִי פַּאסִיגְסְטֶע צַייט צוּ לֵיינֶען דִי פַּרְשִׁיוֹת פוּן 'תַזְרִיעַ - מְצוֹרָע' וַוייל דִי נְגָעִים קוּמְט פוּן רֶעדְן 'לָשׁוֹן הָרַע', וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַ מוֹרָא'דִיגְן 'גָלוּת', אוּן אִין אַלֶע 'דִמְיוֹנוֹת'.

אוּן לָשׁוֹן הָרַע אִיז אַ זַאךְ וָואס קֵיינֶער אִיז נִישְׁט רֵיין פוּן דֶעם, אַזוֹי ווִי חַזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא קס"ה ע"א): **כֻּלָם בְּאָבָק לָשׁוֹן הָרַע** - יֶעדֶער אִיז גֶעכַאפְּט אַבִּיסְל אִין שְׁטוֹיבּ פוּן 'לָשׁוֹן הָרַע'! אוּן חַזַ"ל גֶעבְּן אַ מָשָׁל (עֲרָכִין ט"ו ע"ב) אֵיינֶער פְרֶעגְט אֵיינֶעם: דוּ הָאסְט אֶפְשָׁר פַייעֶר? אוּן עֶר זָאגְט: אִיךְ הָאבּ נִישְׁט, אָבֶער דָארְט אוּן דָארְט קָאכְט מֶען שְׁטֶענְדִיג אַסַאךְ עֶסְן, זֵיי הָאבְּן זִיכֶער פַייעֶר; פַארְוָואס הָאסְטוּ גֶעדַארְפְט פַארְצֵיילְן אַז דָארְט קָאכְט מֶען עֶסְן?!

מֶען הָאט דִיר דָאךְ נָאר גֶעבֶּעטְן פַייעֶר! דָאס אִיז 'אָבָק לָשׁוֹן הָרַע'.

נָאר לֵיידֶער אִיז מֶען שׁוֹין צוּגֶעוואוֹינְט אַז אֵיינֶער רֶעדְט אוֹיפְן אַנְדֶערְן, אוּן מֶען כַאפְּט גָארְנִישְׁט וָואס מֶען טוּט, אוּן פוּן דֶעם וֶוערְט נֶעבֶּעךְ דֶער קָאפּ פַארְטֶעמְפְּט, אוּן דָאס אִיז 'גָלוּת מִצְרַיִם', אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטֶענְדִיג פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע, אוּן פוּן זִיךְ אַלֵיין פַארְגֶעסְט עֶר, בִּשְׁעַת אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֶעהְן זִיךְ אַלֵיין צוּ פַארֶעכְטְן, אוּן פוּן יֶעדֶע זַאךְ קוּקְן אוֹיף דִי הַשְׁגָחָה פְּרָטִיוּת, אוּן וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער וִויל אִים וַוייזְן מִיט דֶעם, אוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זָאל עֶר אָפְּלָאזְן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער וֶועג פוּן בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָדוֹשׁ, מְגַלֶה צוּ זַיין אַז יֶעדֶע זַאךְ אִיז מִיט 'הַשְׁגָחָה פְּרָטִיוּת', אַז עֶס פַּאסִירְט עֶפֶּעס אִין הוֹיז וִויל מֶען פוּן הִימְל עֶפֶּעס וַוייזְן פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אוֹיב וֶועט עֶר דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וֶועט מֶען אִים שׁוֹין וַוייזְן דוּרְךְ זַיינֶע קְלֵיידֶער,

נָאכְדֶעם דוּרְךְ זַיין גוּף, בִּיז עֶר וֶועט אָנְהֵייבְּן צוּ שְׂרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר וֶועט נֶעמֶען אַ תְּהִלִים.

מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן אַ עוֹשֶׁר קֵיינְמָאל מִיט אַ תְּהִלִים זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען, נָאר אֵיינֶער וָואס אִיז פִּיל מִיט צָרוֹת וֶועט נֶעמֶען אַ תְּהִלִים, אוּן זָאגְן קַאפִּיטְל נָאךְ קַאפִּיטְל, אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### יא.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן לג): בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֶמוּנָה אַ קְלֵיינִיקַייט, אוּן בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר דִי אֶמוּנָה, אוּן וָואס הֵייסְט אֶמוּנָה? אַזוֹי וִוי דִי פְּרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער גְלֵייבְּן אָן חָכְמוֹת[8].

---

[8] אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט אַז פַאר פֶּסַח רֵיינִיגְן אַלֶע פְּרוֹיעֶן אוֹיס דִי שְׁטוּבֶּער פוּן חָמֵץ מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע אֶמוּנָה אוּן תְּמִימוּת, אוּן זֵיי לֵייגְן אַרַיין דֶערִין דֶעם גַאנְצְן כֹּחַ אוּן מֹחַ, אוֹיסְצוּרֵיינִיגְן יֶעדְן פַארְשְׁטוּפְּטְן פְּלַאץ אַפִילוּ וואוּ מֶען אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין מִיט חָמֵץ, וַוייל דָאס לִיגְט זֵיי שׁוֹין אַזוֹי אִין דִי בְּלוּט, אָבֶּער אַ מַאן קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין: פַארְוָואס פֶעלְט אוֹיס אַזוֹיפִיל זִיךְ אִיבֶּערְצוּאַרְבֶּעטְן, עֶס אִיז שׁוֹין גֶענוּג! אַ

**דָאס גֶעפוּנֶען מִיר אִין דִי מִשְׁנָה** (אָבוֹת ג, ט)**: רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא זָאגְט: אַ מֶענְטְשׁ וָואס זַיינֶע מַעֲשִׂים זֶענֶען מֶער**

---

מַאן וָואלְט וֶוען גֶעזָאגְט: **כָּל חֲמִירָא וְכוּ'**, אוּן מְבַטֵל גֶעוֶוען דֶעם חָמֵץ אוּן וָואלְט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט דֶעם.

מֶען דֶערְצֵיילְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיים הֵיילִיגְן סַאטְמַארֶער **רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ** אִינֶעם יָאר תשי"ב - י"ג, אִין יֶענֶע תְּקוּפָה הָאט אוֹיךְ מַיין טַאטֶע (הַגָּאוֹן הַקָדוֹשׁ בַּעַל מִנְחַת זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אֲבַ"ד טָאקַאי) זוֹכֶה גֶעוֶוען אֵיינְמָאל צוּ זַיין דָארְט בַּיים סֵדֶר, דֶעמָאלְטְ'ס אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיינֶער עוֹלָם, עֶר הָאט גֶעפִירְט דֶעם סֵדֶר אִינֶעם קְלֵיינֶעם שׁוּל אוֹיף קְלֵיימֶער סְטְרִיט אוּנְטֶער זַיין דִירָה, הָאט דֶעמָאלְטְ'ס פַּאסִירְט, אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם סֵדֶר, אוּן עֶר זֶעצְט זִיךְ אַרָאפּ פַּארְטְרַאכְטֶערְהֵייט, אוּן מֶען וָוארְט אַז דֶער רֶבִּי זָאל אָנְהֵייבְּן דֶעם סֵדֶר, אָבֶּער דֶער רֶבִּי זִיצְט פַּארְטְרַאכְט, פְּלוּצְלִינְג בֶּעהְט עֶר דֶעם גַבַּאי, עֶר זָאל אִיבֶּערְקוּקְן צוּ עֶס אִיז נִישְׁט דָא עֶרְגֶעץ עֶפֶּעס חָמֵץ, אִיז דֶער גַבַּאי גֶעגַאנְגֶען קוּקְן אִיבֶּערָאל, בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אוּנְטֶערְן הֵיסֶב בֶּעט, בַּיים פֶענְסְטֶער פַארְדֶעקְט מִיטְן פִירְהַאנְג, אַ בִּילְקֶע! וָואס אֵיינֶער הָאט דָאס מִן הַסְתָּם בַּאהַאלְטְן דָארְט בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת; זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז כָאטְשִׁיג עֶס קֶען אוֹיסְקוּקְן אַז דִי פְרוֹיעֶן טְרַייבְּן אִיבֶּער בַּיים פֶּסַח'דִיג מַאכְן, אָבֶּער מֶענֶער אַלֵיין הָאבְּן נִישְׁט דֶעם אַחֲרָיוּת.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב הָאט גֶעזָאגְט: דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע שְׁמוֹת וָואס קוּמֶען אַרוֹיס פוּן שׁוֹפָר בְּלָאזְן קשר"ק [- תְּקִיעָה שְׁבָרִים תְּרוּעָה תְּקִיעָה] קוּמֶען אוֹיךְ אַרוֹיס וֶוען דִי פְרוֹיעֶן מַאכְן פֶּסַח'דִיג: קְ'רַאצְן שְׁ'וֶוענְקְן רַ'ייבְּן כַּ'שֶׁרְן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַלֶע זַאכְן וָואס אַ אִיד טוּט פַארְן בַּאשֶׁעפֶער אִיז אִין הִימְל מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב.

ווי זַיין חָכְמָה, וֶועט זִיךְ זַיין חָכְמָה הַאלְטְן, אָבֶּער אוֹיבּ הָאט עֶר מֶער חָכְמָה פוּן וָואס עֶר טוּט, וֶועט זִיךְ זַיין חָכְמָה אוֹיךְ נִישְׁט הַאלְטְן; דָאס הֵייסְט, אַ מֶענְטְשׁ טָאר נִישְׁט צוּפִיל אַרַיינְטְרַאכְטְן אוּן זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין חָכְמוֹת, אוּן וֶועלְן אַלֶעס פַארְשְׁטֵיין, נָאר דֶער עִיקָר טוּהְן דִי מִצְווֹת פָּשׁוּט אוּן גְרָאד אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן.

וֶועגְן דֶעם גֶעפוּנֶען מִיר אוֹיךְ אַז דַוְקָא דֶער זֶעלְבֶּער תַּנָא **רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא** הָאט בַּאוִויזְן אַזוֹיפִיל מוֹפְתִים (תַּעֲנִית כ״ד ע״ב; כ״ה ע״א), וַוייל אַז אַ אִיד לֵייגְט אַוֶועק דֶעם שֵׂכֶל, אוּן עֶר וֵוייסְט, אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַלֶעס, אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַלֶעס, נָאר עֶר טוּט פָּשׁוּט דִי מִצְווֹת וָואס עֶר דַארְף טוּהְן, דֶעמָאלְטְס אִיז עֶר זוֹכֶה דוּרְכְדֶעם צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן יב): דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּן אִידִישְׁקֵייט אִיז זִיךְ צוּ פִירְן פְּרָאסְט אוּן פָּשׁוּט מִיט תְּמִימוּת, אָן חָכְמוֹת.

װעגְן דֶעם לֵייגְט מֶען דִי תְּפִלִין קוֹדֶם אוֹיף דִי הַאנְט און נָאכְדֶעם אוֹיפְן קָאפּ, צוּ וַוייזְן אַז דֶער עִיקָר דַארְף מֶען קוֹדֶם טוּהְן, און נָאכְדֶעם אִיז מֶען שׁוֹין זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין; אַזוֹי וִוי אִידְן הָאבְּן גֶעזָאגְט בַּיי מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה (שְׁמוֹת כד, ז): ׳נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע׳ – קוֹדֶם װעלְן מִיר טוּהְן און נָאכְדֶעם װעלְן מִיר פַארְשְׁטֵיין (עַיֵין שַׁבָּת דַף פ״ח), און דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּן אַ אִיד גְלֵייבְּן מִיט אַ פָּשׁוּטֶע אֶמוּנָה אַז יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ אִיז פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן און דָאס הָאט דֶער בַּעַל-שֵׁם-הַקָּדוֹשׁ מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר דִי װעלְט.

און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען און עֶר הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען נָאךְ מֶער, און צוּגֶעלֵייגְט אַז מֶען הָאט שׁוֹין יָא אֶמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּ אִים? װעגְן דֶעם אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעקוּמֶען און אוּנְז אוֹיפְגֶעמַאכְט דָאס מוֹיל אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דָאס אִיז דֶער יוֹם טוֹב ׳פֶּסַח׳ וָואס מֵיינְט: פֶּה-סָח – אַ מוֹיל וָואס שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; און דָאס אִיז דִי מַתָּנָה וָואס מָשִׁיחַ װעט אַרַיין בְּרֶענְגֶען

אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (צְפַנְיָה ג, ט) **כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה׳ וְגוֹ׳**; אוּן נָאךְ שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה יא, ט) **כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵעָה אֶת הֲוָיָ״ה וְגוֹ׳**, ווִיבַּאלְד יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט שְׁפִּירְן אַזוֹי אָפֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, וֶועט שׁוֹין יֶעדֶער רֶעדְן צוּ אִים.

## יב.

דֶערְפַאר קֶען מֶען נִישְׁט גֶענוּג אָפְּדַאנְקֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר וֵוייסְן פוּן אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי׳ן, אָבֶער פוּן וואוּ נֶעמְט זִיךְ אַז עֶס זֶענֶען פַארְהַאן מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן חוֹזֶק פוּן דֶעם? דָאס אִיז וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה! אוּן פַארְוָואס הָאט מֶען נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה? וַוייל מֶען אִיז פָּגוּם בַּבְּרִית! אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן לא): **׳אֱמוּנָה׳ אוּן ׳בְּרִית׳ אִיז גֶעבִּינְדְן אֵיינְס אִין אַנְדֶערְן.**

פוּן דֶעם הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען דָאס וָואס דִי אַלֶע מַגִידִים פוּן אַמָאלִיגֶע צַייטְן, פְלֶעגְן אַרוּמְפָארְן פוּן שְׁטֶעטְל צוּ שְׁטֶעטְל, אוּן פוּן דֶערְפְל צוּ דֶערְפְל, אוּן גֶעזָאגְט מוּסָר

דְרָשׁוֹת מִיט אַ הִתְעוֹרְרוּת׳דִיגֶער נִיגוּן, אוּן יֶעדֶער הָאט גֶעוֶויינְט, דֶער סֵדֶר פְלֶעגְט זַיין אַז דֶער מַגִיד הָאט גֶעלֵייגְט אַ שִׁיסְל, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַ שֵׁיינֶע מוּסָר דְרָשָׁה, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט יֶעדֶער אַריינְגֶעוָוארְפְן אַפָּאר קָאפִּיקֶעס וָואס פוּן דֶעם הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט פַּרְנָסָה.

אָבֶער דֶער בַּעַל-שֵׁם-הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז דָאס גֶעקוּמֶען אוֹיסְרַייסְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער **תּוֹלְדוֹת זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ** (תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים), בְּרֶענְגְט פוּן זַיין הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן דֶער בַּעַל-שֵׁם-הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שַׁארְף קֶעגְן דִי ׳מַגִידִים׳ וָואס זֵיי דֶערְשְׁרֶעקְן אוּן צוּבְּרֶעכְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מִיט זֵייעֶרֶע שְׁוֶוערֶע מוּסָר דְרָשׁוֹת, אוּן עֶר הָאט מִיט דֶעם גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (בַּמִדְבָּר כא, ו): **וַיְשַׁלַּח ה׳ בָּעָם אֵת הַנְּחָשִׁים הַשְּׂרָפִים וַיְנַשְּׁכוּ אֶת הָעָם וְכוּ׳**, נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אִין מִדְבָּר, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעשִׁיקְט בְּרֶענֶעדִיגֶע שְׁלֶענְג, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעבִּיסְן דֶעם פָאלְק; אַז דָאס אִיז מְרַמֵז אוֹיף דִי מַגִידִים, וָואס זֵיי הָאבְּן

גֶעבִּיסְן אִידְן מִיט זֵייעֶרע דְרָשׁוֹת, וָואס דָאס הָאט לֵיידֶער אַוֶועק גֶע׳הַרְגֶ׳עט אַסַאךְ אִידְן.

וַוייל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נֶעבֶּעךְ פַארְבִּיטֶערְט מִיט זֵייעֶרע צָרוֹת, אוּן מֶען אִיז פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט מִיט פַּרְנָסָה[9], אוּן וִויפִיל מֶענְטְשְׁן לַיידְן נֶעבֶּעךְ צָרוֹת פוּן קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן אַרוֹיס ׳לְתַרְבּוּת רָעָה׳ רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן דָאס גְלַייכְן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען דַן זַיין אִידְן לְכַף זְכוּת, אוּן אַרַיינְגֶעבְּן אִין זֵיי אַבִּיסְל הִתְחַזְּקוּת, וָואס דָאס אִיז דִי וִוּיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ.

עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען רָב אִין פִּינְסְק [לִיטָא], אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען דָארְט אַ מַגִיד, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעבֶּעטְן רְשׁוּת צוּ זָאגְן אַ דְרָשָׁה, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער גֶעזָאגְט: נָאר מִיט אֵיין תְּנַאי, אַז

[9] נִישְׁט גֶענוּג וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט צוּ בַּאצָאלְן קַיין דִירָה גֶעלְט, וֶועל אִיךְ נָאךְ בְּרֶענֶען אִין גֵיהִנוֹם אוֹיךְ ? !

דוּ וֶועסְט נִישְׁט רֶעדְן קֵיין שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִידְן! אוּן דֶער מַגִיד הָאט צוּגֶעזָאגְט, אָבֶער וִוי נָאר עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּהְן דֶעם טַלִית אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן, הָאט עֶר פַארְגֶעסְן פוּן אַלֶעם, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זָאגְן שַׁארְפֶע מוּסָר רֵייד, גְלַייךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב גֶעגֶעבְּן אַ קְלַאפּ אוֹיפְן טִישׁ, אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! זָאלְסְט וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס דֶער מַגִיד זָאגְט אִיז שֶׁקֶר, אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טַייעֶר! אוּן עֶר הֵייבְּט אָן אוֹיסְצוּרִימֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער וְכוּ׳, אוּן עֶר זָאגְט וַוייטֶער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: דֶער אִיד אִיז אַן אָרִימַאן, אוּן עֶר דַארְף חֲתוּנָה מַאכְן זַיינֶע טֶעכְטֶער אוּן עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קֵיין גֶעלְט, גֶעבּ אִים גֶעלְט, אוּן עֶר זָאל מֶער נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען מוֹרָא׳דִיגֶע דִינִים אוֹיף אִידְן[10], אוּן דֶער הֵיילִיגֶער

---

[10] אַזוֹי וִוי שְׁטֶענְדִיג אִיז דָא מְקַטְרְגִים, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט נֶעבֶּעךְ אַז אַלֶעס אִיז ׳טֶבַע׳, וָואס דוּרְכְדֶעם לַיידְט עֶר אַלֶע צָרוֹת.

בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט פְּרָאבִּירְט דָאס מַמְתִּיק צוּ זַיין, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט, אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִין גַאס, אוּן גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! וִוי קֶען אִיךְ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע זַאךְ אוֹיף אִידְן.

פְּלוּצְלִינְג זֶעהְט עֶר וִוי אַ פְרוֹי שְׁלֶעפְּט אַ זֶעקְל אוּן זִי שֶׁעלְט: צוּ דִי רוּחַ זָאל עֶר גֵיין...! עֶר גֵייט אִיר נָאךְ, אוּן עֶר שְׁטֶעלְט אִיר אָפּ, אוּן פְרֶעגְט אִיר: וֶועמֶען שֶׁעלְטְסטוּ? זָאגְט זִי אִים [זִי הָאט נִישְׁט גֶעוִויסְט וֶוער דָאס אִיז]: וֶועם אִיךְ שֶׁעלְט וִוילְט אִיר וִויסְן? אִיךְ שֶׁעלְט דֶעם בּוּטְשֶׁער! אִיךְ הָאבּ זִיבְּן קִינְדֶער, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעקוֹיפְט ׳כָּשֵׁר פְלֵייש׳, אוּן עֶס הָאט גֶעקָאסְט זֵייעֶר טַייעֶר, אוּן נָאךְ אַלֶעם אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען מֶער וִוי הוֹילֶע בֵּיינֶער אוּן קוֹים אַבִּיסְל פְלֵייש, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ קָאכְן פַאר זִיבְּן קִינְדֶער פוּן דִי בִּיסְל פְלֵייש? פְרֶעגְט עֶר אִיר: אוּן וִויפִיל קָאסְט טְרֵפָה׳נֶע פְלֵייש? זָאגְט זִי: אַ צֶענְטְל פוּן דֶעם, אוּן נָאכְדֶערְצוּ גֶעט מֶען גוּטֶע שְׁטִיקֶער פְלֵייש. פְרֶעגְט עֶר אִיר: אוּן אֶפְשָׁר זָאלְט אִיר דָארְט גֵיין קוֹיפְן?! זָאגְט זִי: דוּ אַלְטֶער נַאר! דוּ אַלְטֶער בַּעַל עֲבֵירָה! טְרֵיפוֹת זָאל אִיךְ

עֶסְן? אִיךְ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן עֶנְדֶערְשׁ דֶערְשְׁטִיקְט וֶוערְן, וִוי מִיר זָאלְן עֶסְן טְרֵפָה׳נֶע פְלֵייש רַחְמָנָא לִצְלָן.

וִוי נָאר דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!** גֶעבּ אַ קוּק וִוי אַ ׳אִידֶענֶע׳ זָאגְט ״זִי זָאל עֶנְדֶערְשׁ דֶערְשְׁטִיקְט וֶוערְן צוּזַאמֶען מִיט דִי קִינְדֶער, אַבִּי נִישְׁט נִכְשָׁל צוּ וֶוערְן מִיט קַיין טְרֵיפוֹת אוּן נְבֵילוֹת״. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב הָאט שְׁטֶענְדִיג פְּרָאבִּירְט מְלַמֵד זְכוּת צוּ זַיין אוֹיף אִידְן וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ.

יג.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן ח): כָאטְשִׁיג עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ זָאגְן **תּוֹכָחָה**, אוּן עֶס אִיז דָא אַ מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה (וַיִקְרָא יט, יז): **הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ** - מוּסָר׳ן אַ צְוֵוייטְן וָואס פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי מֶען דַארְף. דָאךְ קֶען נִישְׁט יֶעדֶער זַיין אַ ׳מוֹכִיחַ׳, אוּן אַז אֵיינֶער אִיז נִישְׁט רָאוּי צוּ דֶעם, אוּן עֶר זָאגְט יֶענֶעם מוּסָר, נִישְׁט נָאר אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט נָאר עֶס מַאכְט נָאךְ אַסַאךְ

עֶרְגֶער, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעט דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין מִיט אַ מָשָׁל צוּ אַ כֵּלִי וָואס עֶס אִיז פוּל מִיט טִינוּף, ווילַאנְג עֶס לִיגְט אַזוֹי אוּן קֵיינֶער רִירְט דָאס נִישְׁט, שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט דֶעם שְׁלֶעכְטְן גֶערוּךְ, אָבֶער אַז מֶען נֶעמְט אַ שְׁטֶעקְן אוּן מֶען הֵייבְּט דָאס אָן צוּ מִישְׁן, קוּמְט אַרוֹיס דֶערְפוּן אַזַא שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ אַז מֶען קֶען נִישְׁט שְׁטֵיין דָארְט.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אַז מֶען זָאגְט יֶענֶעם מוּסָר, אִיז מֶען מְעוֹרֵר זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אוּן עֶס הֵייבְּט אָן אַרוֹיסְצוּקוּמֶען אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ, וָואס דוּרְכְדֶעם הָאט עֶר 'חֲלִישׁוּת הַדַעַת', מְמֵילָא הָאסְטוּ אִים נָאךְ מֶער אַרָאפּ גֶעוָוארְפְן אוּן אָפְּגֶעריסְן זַיין נְשָׁמָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוער קֶען יָא זָאגְן מוּסָר? וֶוער עֶס קֶען זָאגְן מוּסָר אַזוֹי ווִי מֹשֶׁה רַבֵּנוּ! וָואס מִיר גֶעפוּנֶען (שַׁבָּת פח ע"ב), אַז וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט מִיט דִי עֵגֶל, אוּן מֹשֶׁה רַבֵּנוּ אִיז צוּרִיק אַרָאפּ גֶעקוּמֶען פוּן הִימְל זֵיי בְּרֶענְגְן דִי תּוֹרָה, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן וָואס זֵיי הָאבְּן נֶעבֶּעךְ אָנְגֶעמַאכְט, הָאט

עֶר זֵיי דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֶעזָאגְט: עֲדַיִין חֲבִיבוּתָא גַּבָּן! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז נָאךְ אַלְץ לִיבּ, אַפִּילוּ מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט דֶעם חֵטְא הָעֵגֶל. אוּן וִוי נָאר דִי אִידְן הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט זֵיי אוּן עֶר הָאט זֵיי לִיבּ, הָאבְּן זֵיי תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן מֵאַהֲבָה.

קוּמְט אוֹיס אַז דֶער עִיקָר עֵצָה וִוי אַזוֹי מוֹכִיחַ צוּ זַיין אַ מֶענְטְשׁ וָואס פִירְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף, אִיז צוּ גִיסְן וַואסֶער, אוּן אַלֶע גוּטֶע שְׁמֶעקֶעדִיגֶע בְּשָׂמִים, אַזוֹי וִוי דִי הַלָכָה אִיז (שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוֹרַח חַיִים סִימָן עז, סְעִיף א. וְעַיֵין בְּמִשְׁנָה בְּרוּרָה סְעִיף קָטָן ב), וֶוען אֵיינֶער וִויל לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן אַ קִינְד הָאט דָארְט פּוּנְקְט נַאס גֶעמַאכְט, זָאל עֶר גִיסְן דֶערוֹיף אַזוֹיפִיל וַואסֶער בִּיז עֶס וֶוערְט שׁוֹין אִינְגַאנְצְן בָּטֵל, אוּן עֶס אִיז מֶער נִישְׁטָא קַיין שׁוּם רֵיחַ, דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיבְּן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן עח): גֶעוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ; אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין אוֹיף קַיין שׁוּם פַּאל אִין דֶער וֶועלְט, אוּן אַוַודַאי נִישְׁט יֶענֶעם מְיַיאֵשׁ זַיין חַס וְשָׁלוֹם.

## יד.

אַזוֹי וִוי מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, וֶוען אַלֶע אִידְן וֶועלְן פְּרַאוֶועןנֶען דֶעם 'סֵדֶר נַאכְט', וָואס אַלֶעס וָואס מִיר טוּעֶן בַּיים סֵדֶר אִיז נָאר פַאר 'חִינוּךְ', אַרַיין צוּ לֵייגְן אֱמוּנָה אִין אוּנְז אוּן אִין דִי קִינְדֶער, אַז אַפִילוּ מֶען אִיז אִין גָלוּת מִצְרַיִם, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַרַיינְלֵייגְן גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת אִין דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵיי, וַוייל לֵיידֶער זֶעהְט מֶען נֶעבֶּעךְ וִוי עֶס גֵייעֶן אַרוֹיס אִינְגְלֶעךְ מִיט מֵיידְלֶעךְ לְתַרְבּוּת רָעָה.

אַזוֹי וִוי מֶען קֶען יֶעצְט זֶעהְן אִין דִי בֵּין הַזְמַנִים טֶעג[11], וֶוען דִי בָּחוּרִים דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אַ חוֹדֶשׁ צַייט אוּן קֵיינֶעם

[11] בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי 'בֵּין הַזְמַנִים', נָאר אֵיינְמָאל אִיז דָא 'בֵּין הַזְמַנִים' "צְוִוישְׁן שְׁטַארְבְּן אוּן בַּאעֶרְדִיגְן"", וַוייל אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַפִילוּ אִין דֶעם טָאג וָואס עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט (שַׁבָּת דַף פג ע"ב). יֶעדְן טָאג דַארְף מֶען לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא.

אִינְטֶערְסִירְט נִישְׁט וואוּ זֵיי גֵייעֶן און וָואס זֵיי טוּעֶן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ, זֵיי זָאגְן אַז זֵיי גֵייעֶן צוּ דִי פְּרֶענְדְס, אָבֶּער צוּ וֶוייסְטוּ דֶען וואוּ דַיין קִינְד גֵייט? לֵיידֶער זֶענֶען עֶלְטֶערְן אַבִּיסְל לַייכְטְזִינִיג און פַארְעֶנְטְפֶערְן זִיךְ מִיט אַלֶע מִינֵי תֵּירוּצִים, אַז מֶען אִיז פַארְיָאגְט וְכַדוֹמֶה, אָבֶּער אַפִּילוּ מֶען אִיז גֶערֶעכְט, בִּיז דֶערְוַוייל גֵייעֶן אָבֶּער דִי קִינְדֶער נֶעבֶּעךְ אַרוֹיס לְתַּרְבּוּת רָעָה, אַזוֹי וִוי עֶס זֶענֶען לֵיידֶער דָא בָּחוּרִים מִיט שֵׁיינֶע פֵּיאוֹת וָואס לֵייגְן נִישְׁט קַיין תְּפִלִּין, אָדֶער רַייכֶערְן שַׁבָּת שְׁטִילֶערְהֵייט רַחְמָנָא לִצְלָן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַרַיינְלֵייגְן אַלֶע כּוֹחוֹת און טוּהְן אַלֶע פְּעוּלוֹת צוּ רַאטֶעוֶוען דָאס יוּנְגְוַוארְג, זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי, און זֵיי בַּאשֶׁעפְטִיגְן אִין דִי לֵיידִיגֶע צַייטְן[12].

---

[12] בִּפְרַט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואוּ עֶס אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען דִי מַלְכוּת הָרִשְׁעָה יִמַח שְׁמָם וְזִכְרָם, וָואס זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַיין אִידְן, נָאר פָּשׁוּט עֵרֶב רַב, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (זֹהַר בְּרֵאשִׁית דַף כה ע"א): פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן גֶעוֶועלְטִיגְן דִי עֵרֶב רַב, וָואס זֵיי זֶענֶען צַאמְגֶעמִישְׁט פוּן פִינֶעף אוּמוֹת, און אֵיינְס פוּן דִי פִינֶעף אִיז 'עֲמָלֵק'; אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט בְּחוּשׁ אַז דִי רְשָׁעִים גֵייעֶן זִיךְ אוּם מִיט אִידְן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע רְצִיחָה, און

זֵיי זוּכְן צוּ פַארְמַאכְן אַלֶע עֶרְלִיכֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה׳ס אוּן מֵיידל שוּלֶעס, [אַפִילוּ פוּן דִי גֶעלְט וָואס דִי רְשָׁעִים רַייסְן אַרוֹיס פוּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ מִיט דִי תֵּירוּץ צוּ הֶעלְפְן דֶעם צִיבּוּר אוּן מוֹסְדוֹת, בַּאקוּמְט מֶען אוֹיךְ כִּמְעַט גָארְנִישְׁט צוּרִיק], אַלֶעס אִיז נָאר פַאר אֵיין צִיל, מְטַמֵא צוּ זַיין אוּן אָפְּפִירְן דָאס גַאנְצֶע יוּנְגְוַוארְג פוּן אִידִישְׁן וֶועג.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם בַּיי אוּנְז אִין שְׁטָאט "**יַבְנְאֵל עִיר בְּרֶסְלֶב**" קוּק אִיךְ נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט, אוֹיף גֶעלְט, כָּבוֹד וְכוּ׳, נָאר צוּ רַאטֶעוֶוען דָאס יוּנְגְוַוארְג, הַלְוַואי וָואלְט מֶען אִין אַלֶע קְהִלּוֹת זִיךְ נָאר גֶעזָארְגְט אוּן גֶעפָּארֶעט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער! אֵיין צַייט הָאבּ אִיךְ חֲתוּנָה גֶעמַאכְט אַלֶע קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט, וָואס דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע אֱמֶתְ׳ע עֵצָה אַז מֶען וִויל רַאטֶעוֶוען דִי יוּגֶענְט, אוּן נִישְׁט זָאגְן: עֶס פַּאסְט מִיר נִישְׁט! עֶר אִיז נָאךְ צוּ יוּנְג! וַוייל אַזוֹי וֶוייסְט נִישְׁט דָאס קִינְד וָואס הֵייסְט שְׁלֶעכְטְס, עֶר הָאט '**פַּת בְּסַלּוֹ**', אוּן עֶר אִיז שׁוֹין פַארְנוּמֶען מִיט פַּרְנָסָה, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ צוּלִיבּ דֶעם כִּמְעַט בַּאקוּמֶען זֶעכְצְן (16) יָאר תְּפִיסָה, דָא אִין 'נוּא יָארְק' אִיז דֶער גֶעזֶעץ אַז בַּיי דִי זֶעכְצְן יָאר קֶען מֶען שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אִין 'טֶעקְסֶעס' קֶען מֶען שׁוֹין אַפִילוּ בַּיי 14 יָאר, אָבֶּער דָארְטְן בַּיי דִי '**רְשָׁעִים אֲרוּרִים**' אִיז שׁוֹין הַיינְט דִי גֶעזֶעץ אַז מֶען דַארְף וַוארְטְן בִּיז אַכְצְן יָאר... אוּן בַּיי דִי 18 יָאר דַארְף מֶען שׁוֹין גֵיין אִין מִילִיטֶער פַאר דְרֵיי יָאר, אוּן וִוי אַזוֹי דִי מִילִיטֶער זֶעהְט אוֹיס דַארְף מֶען דָאךְ נִישְׁט זָאגְן... בִּכְלַל דַארְפְן זֵיי דֶען הָאבְּן דִי בָּחוּרִים אִין מִילִיטֶער? זֵיי הָאבְּן גֶענוּג גֶעזוּנְטֶע רוּסֶען, עֶטְיָאפִּישֶׁע, אוּן שְׁוַוארְצֶע וְכוּ׳, נָאר זֵיי ווִילְן אֵיין זַאךְ: אוֹיסְרַייסְן דִי 'אֱמוּנָה', אוּן מְטַמֵא זַיין יוּנְגְן מִיט מוֹידְן מִיט אַלֶע מִינֵי שְׁמוּץ פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן, אַזוֹי אַז בַּיי דִי אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג יָאר וֶוען מֶען אִיז שׁוֹין אִינְגַאנְצְן קַאלְיֶע, הָאט מֶען שׁוֹין רֶעכְט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. וֶועגְן דֶעם אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זְכִיָה צוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דֶעם צוּ רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אוּן שׁוּלְדִיג זֶענֶען דִי אַלֶע פַאלְטְשֶׁע רַע-בָּנִים וָואס זֵיי זֶענֶען גוֹרֵם אַלֶע צָרוֹת פַאר אִידְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת דַף קלט ע"א): אוֹיבּ מֶען זֶעהְט אַז עֶס קוּמֶען גְרוֹיסֶע צָרוֹת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאל מֶען גֵיין נָאכְזוּכְן בַּיי דִי רַבָּנִים אוּן דַיָּינִים, וַוייל אַלֶע

## טו.

בַּיי דִי הַגָדָה זָאגְט מֶען: **כָּל דִכְפִין יֵיתֵי וְיֵכוֹל** – יֶעדֶער וָואס אִיז הוּנְגֶערִיג זָאל קוּמֶען עֶסְן; אִיז דָאךְ שְׁוֶוער אַ קַשְׁיָא, פֶּסַח בַּיינַאכְט וֶוען דוּ זִיצְט אִינְדֶערְהֵיים מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, אוּן דִי טִיר אִיז פַארְמַאכְט, רוּפְסְטוּ דָאס אוֹיס? עֶר וָואלְט דָאס גֶעדַארְפְט

---

שְׁטְרָאפְן קוּמְט נָאר צוּלִיבּ זֵיי. אוּן אַזוֹי אוֹיךְ שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (פַּרְשַׁת נָשֹׂא דַף קכה ע״ב): דִי עֵרֶב רַב זֶענֶען רַייךְ אוּן בָּאדְן זִיךְ אִין גֶעלְט, אוּן עֶס פֶעלְט זֵיי גָארְנִישְׁט, זֵיי זֶענֶען גַזְלָנִים אוּן נֶעמֶען שׁוֹחַד, אוּן זֵיי זֶענֶען דִי רַבָּנִים אוּן אָנְפִירֶערְס פוּנֶעם פָאלְק, אוּן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן וֶוערְן אוּנְטֶערְדְרִיקְט פוּן זֵיי, אוּן הָאבְּן נִישְׁט קֵיין גֶעלְט, אוּן לֶעבְּן אִין גְרוֹיס אָרֶעמְקֵייט אוּן עֶנְגְשַׁאפְט.

אָבֶּער אַז אֵיינֶער זָאגְט דֶעם אֱמֶת רֶעדְט מֶען אוֹיף אִים ׳כָּל דָבָר אָסוּר׳, מֶען רוֹדֶפְ׳ט אִים אוּן מֶען מַסֶרְ׳ט אִים, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפוּנֶען בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי (שַׁבָּת לג ע״ב), וָואס עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט, אוּן עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט אָפֶען וֶוער דִי **רוֹמִיִים** זֶענֶען: אַלֶע שֵׁיינֶע גַאסְן מַאכְן זֵיי נָאר פַאר דִי **זוֹנוֹת**, מֶען זָאל קֶענֶען טוּהְן עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן דִי בְּרִיקְן מַאכְן זֵיי נָאר צוּ קֶענֶען נֶעמֶען גֶעלְט פוּן מֶענְטְשְׁן, זֵיי טוּעֶן דָאס בִּכְלַל נִישְׁט צוּ הֶעלְפְן אִידְן. הָאט מֶען אִים דֶערְפַאר גֶעוָואלְט הַרְגֶ׳עִנֶען, אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט אַנְטְלוֹיפְן אוּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין דִי הֵייל.

אוֹיסְקְלַאפְּן נָאכְן דַאוֶֹענֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אַז דִי אָרֶעמֶעלַייט זָאלְן דָאס הֶערְן!

נָאר עֶס וֶוערְט גֶע׳פַּסְקֶ׳נְט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תכ״ט סְעִיף א בְּהַגָּה): פוּן דְרַייסִיג טֶעג פַאר פֶּסַח דַארְף מֶען זִיךְ שׁוֹין זָארְגְן אַז דִי אָרֶעמֶעלַייט זָאלְן הָאבְּן אוֹיף גֶעלְט פַאר מַצוֹת אוֹיף פֶּסַח [מָעוֹת חִטִים]. מִמֵילָא אַז מֶען אִיז דָאס מְקַיֵים אוּן מֶען זָארְגְט זִיךְ אַז דִי אָרֶעמֶעלַייט זָאלְן טַאקֶע הָאבְּן גֶענוּג אוֹיף פֶּסַח, קֶען מֶען דָאס שׁוֹין זָאגְן מִיט אַ פוּלְן מוֹיל, מִיט אַן אֱמֶת, וַוייל עֶר הָאט דָאס מְקַיֵים גֶעוֶוען.

חַזַ״ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא דַף י ע״א): דִי אִידְן וֶועלְן נִישְׁט אוֹיסְגֶעלַייזְט וֶוערְן פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת, נָאר אִין זְכוּת פוּן צְדָקָה; אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם, מֶען זֶעהְט דִי חֶסֶד וָואס אִידְן טוּעֶן יֶעצְט פַאר פֶּסַח, דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שֶׁעמֶען מִיט כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם אוּמָה וְלָשׁוֹן וָואס קֶען זִיךְ פַארְגְלַייכְן צוּם אִידִישְׁן פָאלְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת, אוּן דֶער עִיקָר אַז מֶען זָאל קוֹדֶם אַלֵיינְס וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּנֶעם אֵייגֶענֶעם גָלוּת פוּן צָרוֹת אוּן דִמְיוֹנוֹת, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ זָאל גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַרוֹיס גֵיין פוּן דֶעם לַאנְגְן גָלוּת, אוּן מֶען זָאל דֶערְלֶעבֶּען שׁוֹין צוּ זֶעהְן דִי גְאוּלָה.

~תַּם וְנִשְׁלָם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~

# הספר
# הקדוש הזה

נדפס לטובת נשמת בעל מחבר
של הספר הזה מאור עינינו,
חיות נפשינו, עטרת ראשינו, כבוד
קדושת מרן הגה"ק רבי

## אליעזר שלמה

בן רבי

## מנחם זאב

זצוקללה"ה
נלב"ע י"ד שבט תשע"ה

**ת.נ.צ.ב.ה.**

# פרייליכע נייעס!

איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע וועכנטליכע

## קרית ברסלב בלומל




יעדע וואך
ביי אייער
טיר

פאר בלויז
$3.99

צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין
אדער שיקט א טעקסט צו:

**718·387·2691**

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

תוכנ'דיג און
ציענדיג

וואס איר וועט נישט
טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט
אייך אליין

282 • DESIGN | 845.406.4250